ISSUE 16 — Jan. 19 '25 — YIDENE • WEEKLY FREE PUBLICATION — פרשת וארא תשפ"ה — בס"ד

# אידענע

וויליאמסבורג
בארא פארק
מאנסי
קרית יואל
CANADA\UK



## קאכן נאכטמאל
פענסטערל

## סארנא מעטאד 4
נאטורליך

## פראפעסיאנאלע קאמיוניקאציע
אין אפיס

Medease
CARE AT HOME
718.208.2030
QUALITY CARE THAT COMES TO YOU — AT NO EXTRA COST!

די באלעבאסטע אטעמט אפ:

# אההה... אזוי שיין מסודר, מילכיג און פליישיג




Kosher Foil – דער זילבער פאפיר וואס דערציילט אייך גענוי וואס די באהאלט, מילכיג, פליישיג אדער פארווע.

**Available in your local supermarket:**

DAIRY MEAT PARVE

**חידוש: ראולט זיך גאר גרינג ארויס דורך א נייע ספעציעלע מעכאניזם!**



• רייסט זיך לייכט און שיין אראפ

• געמאכט פון בעסטער קוואליטעט

• אונטער דער מהודר'דיגער התאחדות השגחה

100 SQUARE FEET

CRC

KF

Distributed by:
A&M Judaica & Gifts Inc.

# IMAGINE THE UNIMAGINABLE

GCNY



US TILES

# ס'איז נישט די אייער וואס זי שפריצט,
# ס'איז די מעהל וואס זי נוצט




Tools and techniques are nice, but high-quality, healthy flour is nicer. Use Wondermills and you'll experience the difference.

**The Wonders of Wondermills**




pentagon group
FIND YOURSELF WISHING FOR THE GOOD OLD DAYS?
ASK FOR OUR
PREMIUM GEFILTE
SUPREME ROLL 1.5 LB
לויתן
FISH CENTER
לכבוד שבת קודש
FREE DELIVERY
CALL OR TEXT
718.875.7775 718.963.1390
340 FLUSHING AVE. (BET TAAFFE PL & CLASSON AVE)
They're a perfect blend of nostalgic flavor, old-fashioned hard work, traditional passion, and that rustic taste you get when caught fresh from the sea.
TASTE OUR PREMIUM GEFILTE!
GET 40% OFF
THE PREMIUM GEFILTE
FOR THE FIRST FOUR WEEKS WHEN YOU PLACE YOUR SHABBOS ORDER.

# Unlock Your Child's Health with

# Lab4 Probiotic




## Dr. David Rosenberg

### From London

brings you his kids probiotic - Great Taste, amazing results and multiple benefits

CRC
KASHRUS
כשר פארווע
Kosher Parve

• Reduce Colds & Flu • Supports Healthy Skin & Eczema
• Strengthen the immune system, contains 1000mg Vitamin D
• Promotes Digestive Health • Enhances Mood and Emotional Well-being

Regular price
~~$34.99~~

Introductory price
**$28.99**

**FREE DELIVERY!**
**Call / Text or Email your order to:**

Available at:
**PINNACLE Health**
Vitamins and supplements

Phone: 718.290.9300
Email: orders@pinnaclehealthstore.com

# א התחדשות און א קלארקייט
# אין די חיי הנישואין

## איש וביתו

**סעריע פון 6 שיעורים**

- באקומט ענטפערס
- באקומט א קלארקייט אויף אלע ספיקות (ספעציעלע נייע שיעור)
- פארשטערקערט די שלום בית
- א קלארע תורה'דיגע השקפה אויף חיי הנישואין

## בנתה ביתה

**סעריע פון 4 שיעורים**

- **ספעציעלע נייע שיעורים**
- באקומט ענטפערס אויף אלע סענסיטיווע פראגעס
- א טיפע אינערליכע קשר און פרייליכע שטוב
- א קלארע תורה'דיגע השקפה אויף חיי הנישואין



איבער
**1,200**
מענטשן האבן שטארק פארבעסערט זייער לעבן דורך די שלות הבית שיעורים

מיר נעמען אן א באגרעניצטע צאל
**הדרכת חתנים**

**שלות הבית**
אנגעפירט דורך דעם באקאנטען מומחה ומוסמך
**הרב הערש לערנער שליט"א**
בהסכמת הרה"צ ר' ברוך מאשקאוויטש שליט"א אבדק"ק יאמפאלא

**שלות הבית**

צו הערן די ערשטע שיעור אומזיסט רופט
**845-360-9176**

PUT YOUR BEST FOOT FORWARD

# Gain support every step of the way



**Virtual fittings for your compression stockings are now a reality.**

Send in the RX below and get your supportive compression stockings at no cost to you.

CARRYING THE BRANDS THAT CARRY YOU

Juzo | JOBST | SIGVARIS GROUP

ZCARE MEDICAL & SURGICAL SUPPLIES

*Reach out to us!*

info@zcaremss.com

877.263.2631

Free shipping in **NY & NJ**

*We carry all medical and surgical supplies*

rivka@thecopysage.com x bleulinedesign.com

# Support in a snip

SIMPLE AS 1,2,3

1 Snip this handy-dandy RX

2 Have it completed by your doctor

3 Email or fax it to us

ZCARE MEDICAL & SURGICAL SUPPLIES

**PHYSICIAN'S PRESCRIPTION**

ZEE CARE INC.
873 RT. 45 SUITE 205
NEW CITY, NY 10956
P-877-263-2631
F-877-263-2634
E-INFO@ZCAREMSS.COM

**Patient Information**

Name ____ Date of Birth ____

Primary Phone ____ Address ____

Insurance Name ____ ID ____

**Compression Garments**

**Specifics:** *This product is a medical necessity and requires a diagnosis for insurance reimbursement*

Diagnosis: ____

Qty ☐ Refill ☐ LON ☐ Extremity: ☐ Pair ☐ Left ☐ Right

**Compression:** ☐ Support 15-20 mmHg ☐ 20-30 mmHg ☐ 30-40 mmHg ☐ 40-50 mmHg ☐ 50+ mmHg

**Style:** ☐ Open Toe ☐ Closed Toe

☐ knee ☐ thigh ☐ thigh w/ hip attach ☐ pantyhose ☐ maternity pantyhose ☐ legging ☐ arm sleeve ☐ hand gauntlet

**Compression Wrap:** ☐ foot ☐ calf ☐ knee ☐ thigh ☐ arm ☐ hand

**Ulcer Pro:** Compression stocking and liner to help improve circulation and aid in wound care management. ☐ ulcer pro

**Donning Aids:** ☐ Slippie Gator Set ☐ Arm Sleeve Slippie ☐ Easy Slide ☐ Easy Slide Arm ☐ Magnide ☐ Sim Sli

**Physician Information**

Physician Name ____ Lic. # ____

NPI ____ Office Phone ____

Physician Signature ____ Date ____

**Please fax or email to: 877-263-2634 / info@zcaremss.com**

Looking forward to serving your patients




Discover the latest trends curated exclusively by Apstone

Experience exclusive styles only at Apstone. Explore our new dining room sets, offering the latest in home fashion.

APSTONE
THE ULTIMATE SHOPPING EXPERIENCE

apstone.com

APSTONE
INSPIRED LIVING

**MONROE** | 845.781.7772 | 51 Forest Rd Suite 311, Monroe, NY 10950
**MONSEY** | 845.371.9700 | 389 NY-59 Spring Valley, NY 10977

**WILLIAMSBURG** | 718.237.3600 | 774 Bedford Ave, Brooklyn, NY 11205
**BORO PARK** | 718.237.1955 | 4400 13th Ave, Brooklyn, NY 11219

*Zomee Silver cups are small cups crafted out of pure 925 silver that help protect and soothe sore and cracked nipples while breastfeeding.*

*The Zomee bag adapters simplify your pumping routine by eliminating the need to pump into bottles and transfer milk. With just one simple step, you can pump, seal, and store with ease.*

*The Zomee Z2 electric breast pump & wearable collection cups offer a perfect combination for efficient milk collection with quiet suction and hands-free conveniences.*

***Completely hassle free***
***We call your Doctor for you!***

*Hand Pump included (Z2)*
*Ships free in a timely manner.*

# FREE

## Get Your Zomee Pumps & Milk Bags

Ask about our pre/ post-partum garments

***ENTER A DRAWING TO WIN BACK YOUR KIMPUTURIN HOME STAY(UP TO A WEEK) OR CASH EQUIVALENT!***

- Portable
- Sensor
- Rechargeable
- Hospital Grade Strength
- 2 Year Warranty

## *Our advice!*
### *Take care of it prior to birth*




*Reach out to Compact Pumps:*

*Call:* ***(718)-831-7634***

*Text/ Email:* ***compactpumps@gmail.com***

MENTION PROMO
**GIFT4U**
FOR FREE
BABY GIFT



A HUG FOR YOUR SOUL
mannsales.co | Classic and fantastic.
WARMS YOUR SOUL, AND YOUR STOMACH.
When you're in the mood for soup three hours after you would have needed to start making it, we're here to save the day and hit the spot.
Four great options to warm up with: chunky vegetable, homestyle mushroom, rich & hearty vegetable, and of course your favorite - matzo ball chicken soup.
Meal Mart
MATZO BALL
CHICKEN SOUP
Meal Mart
MATZO BALL
CHICKEN SOUP

# פרשה פונקען

א פונק וואס מיר
קענען ארויסנעמען
פון דער פרשה

## וארא

**דער מדרש ברענגט, אז אין מצרים פלעגן די אידן זיך צאמקומען שבת קודש, און זיי האבן געלערנט אינאיינעם די מגילות וואס זיי האבן געהאט אין זייער באזיץ, ווען דאן האבן זיי זיך געשטארקט מיט אמונה אז איין טאג וועלן זיי נאך ווערן אויסגעלייזט. דער בעל הטורים ברענגט, אז אין זכות פון דעם וואס זיי האבן געהיטן שבת, איז כלל ישראל ענדגילטיג אויסגעלייזט געווארן פון מצרים.**

מייק האט שוין געווארט אויף אים. הרב שפירא האט געפאכעט מיט זיין האנט ווי נאר ער האט אים באמערקט פונדערווייטן. מייק'ס אויגן האבן אויפגעלאכטן.

"וואס מאכט מען, מייק?" האט זיך דער רב ווארעם אינטערעסירט איינמאל ער האט זיך דערנענטערט. "וויאזוי זענען אריבער די לעצטע צוויי וואכן?"

"איינזאם, אזוי ווי אלעמאל," האט מייק געענטפערט מיט אן אומעטיג, קורץ געלעכטערל. "קיין זאך טוישט זיך נישט דא אין תפיסה."

הרב שפירא האט געגעבן א מיטפילנדן קרעכץ, און א כוואליע פון רחמנות האט אים פארפלייצט. דער עלנדער מייק פארבראכט זיינע שענסטע יארן אין דער שטרענגער טורמע, און קיין שיין פון דערלייכטערונג זעט זיך נישט בכלל אויפ'ן האריזאנט. ווען ער האט זיך מיט אים באקענט, האט מען דעם רב אינפארמירט אז דער ארעסטאנט איז פאראורטיילט געווארן צו פופצן יאר אין תפיסה, און טראצדעם וואס פון דעם ענדלאזן נומער האט זיך שוין דורכגערוקט א שיינע צאל יארן, האט ער נאך ניטאמאל אויסגעדינט קרוב צו האלב פון זיין אורטייל.

ווען מייק איז אנגעקומען אין תפיסה, איז ער געווען אן ארעסטאנט פונקט ווי אלע אנדערע איינוואוינער אין דעם פאלאץ. ער האט פארברענגט דיליידיגע טעג אינאיינעם מיט די אנדערע ארעסטאנטן, ביז'ן גליקליכן טאג וואס עפעס האט זיך אנגעצונדן אין זיין פארלאשענער נשמה. מייק אליין האט נישט געדענקט פארוואס ער האט זיך אינטערעסירט אויב ער קען זיך טרעפן מיט א פרומער רב, אבער אין די לאנגע טעג און נעכט וואס האבן נאכגעפאלגט דער בקשה, האט ער געבענטשט זיין באשלוס.

הרב שפירא האט גוט געקענט דעם פאך מיט אזעלכע ווי מייק. ער איז געווען א תינוק שנשבה, דערווייטערט פון יעדן שפור פון אידישקייט; אין זיין נעבעכדיגן מצב איז ער אבער געווען אויסגעדארשט צו הערן סיי וואס דער רב האט אים נאר געוואלט פארקויפן, און הרב שפירא האט אויסגענוצט די געלעגנהייט אריינצוטראפן אין אים פון דעם באר מים חיים.

צוביסלעך האט מייק גענומען וואקלדיגע טריט אין ריכטונג פון אידישקייט. יעדער ענגלישער ספר וואס הרב שפירא האט אים געברענגט האט ער אויפגענומען ווי אן אומשאצבארער אוצר. מען האט נאר ערלויבט דעם רב אים צו קומען באזוכן איינמאל אין צוויי וואכן, און די ספרים האבן אים דערהאלטןביים לעבן - און ביים קלארן זינען - ביז דעם קומענדיגן מאל וואס זיי האבן זיך געטראפן.

"האסט געהאט נאך עפעס שאלות וועגן שבת, מייק?" האט הרב שפירא געפרעגט מיט אינטערעסע.

אין דער לעצטער שטיק צייט האט זיך מייק אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אין א 'שבת פראיעקט'. ער האט זיך געוואלט אויסלערנען ווי אזוי מען היט שבת כהלכה אויפ'ן בעסטן אופן, און הרב שפירא איז געווארן איינגעשפאנט אין דער מיסיע אים ארויסצוהעלפן.

מייק האט אים נישט אנטוישט, ער האט געהאט א גאנצע ליסטע פון פראקטישע און טעכנישע שאלות, און דער רב האט צענומען יעדע איינצלהייט מיט א קלארקייט.

נאך א שטיק צייט, האט ער זיך אויפגעהויבן מיט באדויער. "איך מוז שוין גיין," האט ער זיך אנטשולדיגט. "דא - כ'האב כמעט פארגעסן. כ'האב דיר געברענגט נאך א ספר אויף דער גרויסקייט פון שבת. זיי געבענטשט, מייק, און איך וועל דיך זען אין צוויי וואכן בעז"ה."

מייק'ס אויגן האבן אים באגלייט. דאן האט ער אראפגעבליקט צו דעם ספר'ל אין זיין האנט און ער האט אנגעהויבן מישן בלעטער. הרב שפירא איז גערעכט געווען מיט'ן אים געבן דעם ספר; עס איז באמת געווען אן אוצר, און מייק האט זיך דערקוויקט מיט די בריליאנטענע געדאנקען וואס ער האט דארט געטראפן.

ווען הרב שפירא איז אנגעקומען אין תפיסה צוויי וואכן שפעטער, האט ער אנגעטראפן אן ארעסטאנט מיט א מיסטעריעזן פינקל אין די אויגן און א קאכעדיגן פייער אין הארצן.

"קוק וואס איך האב געזען אין דעם ספר!" האט מייק עקספלאדירט מיט עקסטאז נאך איידער דער רב האט זיך אפילו רעכט אוועקגעזעצט. מייק האט אים צוגעוויזן אויף א קליין שורה'לע אינעווייניג. "עס שטייט אז אויב אידן היטן צוויי שבתים ווי עס דארף צו זיין, וועט מען ווערן אויסגעלייזט. דאס איז דער שליסל אויפצושפארן די פארריגלטע תפיסה ווענט! איך וועל היטן צוויי שבתים כהלכה, און דער באשעפער וועט מיך באפרייען!"

פאר דעם רב איז נישט גוט געווארן. וואס זאגט מען פאר דעם תמימות'דיגן, אויפגעהייטערטן ארעסטאנט וואס זעט זיך שוין שטיין אינדרויסן אונטערן פרייען הימל? זאל ער צוקוועטשן זיינע האפענונגען? וואס איז דען די צווייטע ברירה - קען ער אים דען לאזן מיט א פאלשער גלאנציגער אילוזיע פון פרייהייט?

"מייק," האט ער איידל פרובירט, "מען רעדט דא אז אויב גאנץ כלל ישראל וועט אפהיטן א שבת ווי עס דארף צו זיין, וועט משיח קומען. דער ספר פארשפרעכט נישט אז א פריוואטער איד

**א. סאלאמאן**
845.200.3313 #101

ווערן אויסגעלייזט פון זיין אינדיווידואלער תפיסה..." זיין קול איז פארלאשן געווארן דערזעענדיג מייק'ס האסטיגע קעגנערשאפט צו זיינע ווערטער.

"עס שטייט נישט אזוי דא," האט ער קאטעגאריש אפגעווארפן. "דא שטייט אז אויב מען היט צוויי שבתים ווי מען ברויך, ווערט מען אויסגעלייזט. איך וועל אזוי טון, און דער באשעפער וועט טון זיינס. ער קען."

הרב שפירא'ס קאפ האט געשווינדלט. ער איז גערעכט, מייק; דער באשעפער קען אים ארויסנעמען פון דא. איז עס לאגיש? עפעס וואס שטימט בדרך הטבע? בכלל נישט. אבער וואס זאל ער טון? דער מציאות וועט אליין דינען אלס א טעפל אייז-קאלטע וואסער אויפצואוועקן מייק פון זיין טיפן שלאף.

ער האט זיך געזעגנט פון אים מיט א שווער הארץ, איבערהויפט נאכדעם וואס מייק האט אים געמאלדן מיט שיינענדיגע אויגן, "מער קומט איר מיך מער נישט באזוכן אהער! אין צוויי וואכן ארום וועל איך שוין מער נישט דא זיין!"

ווען הרב שפירא האט געזאלט באזוכן מייק דעם קומענדיגן מאל, האט זיך געמאכט ביי אים עפעס א נויטפאל, אזוי אז גאנצע פיר וואכן האבן זיך דורכגעגליטשט ביז ער האט געמאכט דעם שוין-באקאנטן-וועג צו דער תפיסה. מער ווי איינמאל דורכאויס דעם חודש האבן געדאנקען פון מייק געקוועטשט הרב שפירא'ן אויפ'ן הארץ. ווי אזוי וועט ער אים אויפנעמען קומענדיגן מאל וואס זיי וועלן זיך טרעפן? וועט ער זיין גענצליך צעבראכן און צעפיצלט נאכדעם וואס זיינע האפענונגען זענען צעגאנגען ווי א זייפן-בלאז?

דער רב האט אריינגעשפאנט אין דעם באקאנטן ארט, ווענדנדיג זיינע טריט צום צימערל וואו א לאנגווייליגער וועכטער האט אים אויפגענומען. "איר זענט דא פאר מייק?" האט יענער אים באגריסט. "היינט וועט איר אים נישט טרעפן."

וואס האט פאסירט? מעגליך אז ער פילט זיך נישט גוט? אפשר האט אים די אנטוישונג פיזיש צוגרונד געלייגט? מיט א צאפלדיג הארץ איז ער זיך געגאנגען אינטערעסירן ביי די באהערדע.

"מייק?" האט מען אים געפרעגט מיט א שמייכל, "ער איז נישטא מער, מען האט אים באפרייט."

הרב שפירא האט שיר אראפגעשלונגען זיין צונג. ער האט געעפנט א פאר אויגן מיט שטוינונג.

"יא, יא," האט זיך יענער צולאכט. "מיר האבן אויך אזוי אויסגעזען ווען די מעלדונג איז אנגעקומען. דער אמת איז אז מיר האבן אים געוואלט שיקן פאר גייסטישע אונטערזוכונגען. פון איין מינוט אויף דער צווייטן האט ער אנגעהויבן דערציילן פאר יעדן אז ער גייט ארויס ביז אפאר טאג! ווען ער ווייסט גאנץ גוט אז מען האט אים אריינגעזעצט דא פאר פופצן יאר! אבער וואס זאל איך דיר זאגן – ער איז גערעכט געווען! עטליכע טעג שפעטער איז געקומען אן אפיציעלע מעלדונג אז ער קען גיין."

אינעווייניג אין הרב שפירא האט אצינד אויפגעפלאקערט א מעכטיגער נייגער. ער האט געוואוסט פארוואס מייק האט באשלאסן אז מען גייט אים ארויסלאזן, אבער וואס האט גורם געווען אז די אינסטאנצן זאלן אויך פאסן דעם באשלוס? ער האט א פרעג געגעבן דעם וועכטער, און יענער האט געצויגן מיט די פלייצעס. "כ'האב נישט קיין אנונג וואס עס איז געשען. אז דו ווילסט דווקא, פרעג דעם אויפזעער דא. אפשר ווייסט ער."

דער רב האט זיך נישט געפוילט. ער איז צוגעגאנגען צו יענעם, וועלכער האט זיך גראדע געפריידט צו דינען אלס א קוואל פון אינפארמאציע.

"א מאדנע געשעעניש," האט ער געמורמלט מיט מבינות. "איך בין שוין דא צענדליגער יארן, און אזאנס האב איך נאכנישט בייגעוואוינט."

"וואס האט טאקע פאסירט?" האט הרב שפירא געפרעגט, שפירנדיג ווי ער האלט ביים פלאצן פאר נייגער.

דער אויפזעער האט זיך באקוועם געמאכט אויף זיין בענקל. "דער ריכטער וועלכער האט אים פאר'משפט צו פופצן יאר האט לעצטנס רעטייערט," האט ער אנגעהויבן די געשיכטע. "זעט אויס אז ער איז געווען אביסל לאנגווייליג אינדערהיים, און ער האט דעריבער באשלאסן ארויסצוגעבן א בוך פון זיינע דראמאטישסטע קעיסעס. דעם ערשטן פאל וואס ער האט געוואלט באשרייבן איז געווען מייק'ס קעיס. צוליב דעם האט ער אפירגעזוכט אלע דאקומענטן און באווייזן וואס מען האט גענוצט ביי דעם געריכט. ער האט אנגעהויבן אלעס דורכגיין, און צו זיין שטוינונג האט ער זיך איבערצייגט אז עס זענען בכלל נישט געווען קיין קלארע באווייזן צו באשטעטיגן אז מייק האט טאקע עובר געווען אויף דעם געזעץ!

"איי, וועסטו מיר פרעגן, וואס איז געווען בשעת דעם געריכט? כ'האב דיר נישט קיין ענטפער. דער ריכטער אונזערער איז גראדע אן ארנטליכער מענטש, און ער האט זיך נישט געקענט מוחל זיין אז צוליב זיין נאכלעסיגקייט איז א מענטש געווארן איינגעשפארט אויף אזויפיל יארן. ער האט זיך געווענדן צו די ריכטערס וועלכע זענען יעצט אין אמט, חברים זיינע, און אלע האבן מסכים געווען אז ער איז גערעכט – דעם ארעסטאנט דארף מען זאפארט באפרייען. און אזוי האבן מיר באקומען א מעלדונג ארויסצולאזן מייק אויף דער פריי. ניטאמאל האט ער אויסגעזען איבערראשט! ער האט זיך דאך שוין געגרייט דערויף עטליכע טעג! איך זאג דיר," האט ער אויסגעפירט, "אזאנס האט נאכנישט פאסירט אין דעם פלאץ."

דער רב האט ארויסגעשפאנט פון דעם אומעטיגן ארט, געפלעפט און איבערגענומען. אז פעולות מיט תמימות און אמונה פשוטה האבן א כח, האט ער שוין לאנג געוואוסט; אז דער שבת איז א מקור פון ברכה איז אויך געווען קלאר ביי אים אין געדאנק. אבער אצינד האט ער זיך איבערצייגט אז ווען א איד שטעלט דאס צוזאם, שפאלטן זיך הימלען און עפענען זיך פארשלאסענע טויערן.

*די מעשה ברענגט הרב פאלק זצ"ל אין שו"ת מחזה אליהו, אין דער הקדמה צו חלק ב'. ער לייגט דארט צו אז דער חידושי הרי"ם זאגט טאקע אז אפילו א יחיד וואס היט שבת כהלכתו, גייט ארויס פון זיין פריוואטן גלות.*




*Year round comfort.*

Don't miss out on our "Mega Winter Sale" and a chance to receive a free heater with the purchase of your Instant Sukkah. It's time to experience year-round comfort and enjoyment! These prices won't last-order now!

845.357.5718 | sales@tristateawnings.com

Tri State Awnings®

the INSTANT SUKKAH

100 Sterling Mine Rd.
Sloatsburg, NY 10974
theinstantsukkah .com

Opuspublicity.com




Smiling Herbs®

Extract more life™

# I'm sick of prenatals making me sick.

We dispel the pit of nausea and that foul smell. Our prenatals, created from wholefoods, are free of synthetics, leaving you with the pure nutrients vital for a healthy pregnancy.

845.285.9400 Ext. 101 info@smilingherbs.com

CRC

THESE STATEMENTS HAVE NOT BEEN EVALUATED BY THE FOOD AND DRUG ADMINISTRATION. THIS PRODUCT IS NOT INTENDED TO DIAGNOSE, TREAT CURE OR PREVENT ANY DISEASE.

# חכמת נשים

אינטערוויוס און שמועסן מיט
אידענעס פון איבער דער וועלט
איבער אונזער לעבנסשטייגער

## אריינפיר

**'און ווען כ'האב געזען צו וועלכע טישן ער לויפט, פון וועלכע רבי'ס ער רעדט הויך...' 'עטס זעטס די טישן? דאס קען נישט האלטן צופיל וואג...' 'ס'האט אריינגערעכנט גרינע בונדלעך און קארן...'**

**מיט מרת שטיינבערגער שתחי' אלס שמועסער איז נישטא קיין 'מאטע מינוט'. ווען מ'הערט אירע בליציגע אויסדריקן און קאלירפולע שילדערונגען גלוסט זיך בלויז צו בלייבן הערן ביז אין דער נאכט אריין...**

**ס'האט מיר גענומען ביז'ן ענדיגן שרייבן דעם אינטערוויו צו כאפן וויפיל טיפקייט ס'ליגט אין איר הומאר. דא רעדט א פרוי וואס האט א קלארן בליק אויפ'ן לעבן; א רייכן, ברייטן אופן פון טראכטן – און האט נאך א צוקער-זיסן אופן וויאזוי עס ארויסצוברענגען...**

**■ וואס קענט איר מיר מיטטיילן איבער אייערע עלטערן און אייער יוגנט?**

איך וויל אנהייבן מיט מיין מאמען, וועלכע איז געווען זייער א חשוב'ע פרוי - זי איז אבער קיינמאל נישט געווען געזונט. אין איין תקופה בין איך געווען ביי א מומע פאר א שטיק צייט, ווייל זי איז געווען האלב אויף יענער וועלט. דער סאטמארער רבי זי"ע האט איר געראטעוועט מיט זיין ברכה און זי האט זוכה געווען צו לעבן נאך 27 יאר. זי איז נפטר געווארן ביי די 54 יאר און זי האט זוכה געווען צו זען אייניקלעך ביי יעדן פון אירע קינדער.

מיין מאמע איז געווען זייער א טאלאנטפולע פרוי. אזויווי זי האט הערליך געזונגען און גוט געשריבן, פלעגט זי אנפירן די פארשטעלונגען אין שולע. נאך יעדער שפיל איז זי געלעגן אין בעט פאר צוויי וואכן און זיך נישט געקענט רירן פאר שוואכקייט. דאס אלעס האט זי געטון אן באקומען א פעני דערפאר - ווייל זי האט עס געוואלט טון פאר'ן סאטמארער רבי'ן, פאר דער רביצין, פאר די מוסדות... היינט וועט קיינער נישט אנטון קיין האר-באנד פאר א קינד אן באקומען באצאלט דערפאר.

מיט דער צייט האט זי אנגעהויבן זאגן פאר דער רביצין אז זי איז שוין צו אויסגעמוטשעט און זי קען מער נישט מאכן די פארשטעלונגען. איין טאג האט איר דער רביצין אריינגעשלעפט צום רבי'ן, "זי זאגט אז זי האט מער נישט קיין כח צו די פארשטעלונגען, אבער איך זאג אז ס'פעלט אזוי אויס ווייל ס'איז דער איינציגער היימישער פלאץ וואו קינדער גייען. וואס זאלן מיר טון?"

האט דער רבי געפרעגט, "וויאזוי זעען אויס די שפילן?" האט די רביצין געענטפערט, 'כ'ווייס? נישט צו אינטערעסאנט!' האט דער רבי אנגעוואונטשן, 'זאל זי זיין געזונט אבער זי זאל עס ווייטער מאכן!'

מיין מאמע האט טאקע ווייטער אנגעפירט די שפילן ווילאנג ס'איז געווען שייך. דערצו האט זי אנגעפירט צענדליגער ביקור חולים און ישיבה פארטי' פארשטעלונגען. טאג און נאכט האט זי געהאט געסט און רחמנות'דיגע מענטשן אינדערהיים.

'לאנג-דיסטענס' טעלעפאן רופן זענען דעמאלטס געווען זייער טייער - ס'האט געקאסט 250 דאלער א חודש טעלעפאן סערוויס צו רופן פון וויליאמסבורג קיין קרית יואל. ווען מיר האבן זיך געצויגן קיין קרית יואל, האט מיין מאמע געטראכט, 'וויאזוי וועלן די אלע רחמנות'דיגע מענטשן מיך קענען רופן זיך אויסרעדן?' האט זי געצאלט די 250 דאלאר א חודש כדי אירע צובראכענע מענטשן זאלן איר קענען רופן אומזיסט.

ווען מיין מאמע האט זיך געצויגן קיין קרית יואל האט זי געדארפט דריי וויכטיגע 'לוקסוס': די 250 דאלארדיגע טעלעפאן סערוויס, גענוג איבריגע מאטראצן פאר די אורחים צו שלאפן, און א

**ח. גראס**
845.200.3313 #101

> **מיין מאמע האט טאקע ווייטער אנגעפירט די שפילן ווילאנג ס'איז געווען שייך. דערצו האט זי אנגעפירט צענדליגער ביקור חולים און ישיבה פארטי פארשטעלונגען. טאג און נאכט האט זי געהאט געסט און רחמנות'דיגע מענטשן אינדערהיים**

גרויסע דאכענע קעסטל פול מיט איבריגע דאכענעס פאר די געסט.

און דער איינציגער יום כיפור וואס דער רבי זי"ע איז דא געווען אין קרית יואל, האט מיין מאמע געהאט גאנצע 65 מענטשן פאר דעם סעודת המפסקת, און גאנצע 80 אורחים צו שלאפן. מיין טאטע איז געשלאפן אין קאך אויף דער ערד, נעבן דעם אויוון, ווייל אלע בעטן און מאטראצן זענען געווען פול מיט געסט; מיין מאמע איז געשלאפן פון דעם קאפ ביז די לענדן אויף דער ערד, און אירע פיס זענען געווען אויף די שטיגן, ווייל נאר אזוי איז געווען פלאץ!

ווען זי איז נפטר געווארן, האט מען זיך געשושקעט אז איר רענצל האט זיכער געפלאצט אויפ'ן וועג ארויף צום גן עדן – פון אזויפיל זכותים.

**■ אלס קליין האט איר געוואוינט אין וויליאמסבורג?**

יא, איך בין אויפגעוואקסן אין וויליאמסבורג.

דו ווייסט? זייער אסאך פון די באקוועמליכקייטן וואס זענען דא היינט, האבן מיר נישט געהאט ווען איך בין אויפגעוואקסן. למשל, ווען איך האב חתונה געהאט האב איך נישט געהאט קיין וואש-מאשין און דרייער אין מיין דירה, פשוט ווייל ס'איז נישט געווען קיין פלאץ דארט. איך האב געוואוינט א האלבע גאס אוועק פון מיין מאמען – זונטאג האב איך נישט געארבעט, איז זונטאג געווען מיין לאנדרי-טאג. איך פלעג אריבערטראגן מיינע שמוציגע וועש צו מיין מאמען, און עס אהיימגעברענגט געביגלט און צאמגעלייגט. צוויי יאר נאך דער חתונה האב איך געפילט ווי ס'איז שוין געקומען די צייט צו קויפן די מאשינען; איך האב שוין געוואוינט זייער ווייט פון מיין מאמע'ן דעמאלטס און ס'איז שוין געווען צו א גרויסע טירחה עס צו שלעפן צו מיין מאמען.

דעמאלטס איז שוין נישט ממש געווען א סטאנדארט אז מ'האט נישט קיין אייגענע וואש-מאשין און דרייער, אבער איך בין זיכער נישט געווען ווי אראפגעפאלן פון דער לבנה מיט'ן נישט האבן איין...

דאס איינרישן דאס הויז איז געווען זייער אנדערש ווי היינט. איך האב געזען א ליסטע פון א כלה וואס זי דארף אלץ איינקויפן פאר איר חתונה, און כ'האב עס ממש נישט געקענט גלייבן. מ'קויפט כמעט צומיס פאר די אייניקלעך...

כ'האב געזען א ליסטע פון א מיידל וואס גייט אין קעמפ – ס'האט אריינגענומען גרינע בונדלעך און קארן... כ'קען פרעגן פאר וועם מ'דארף דאס? מ'קען פשוט נישט נאכקומען די נייע סטאנדארטן! מיין טאטע איז געווען זייער א בעל הבית'ישער איד און ער איז געווען א שיינער בעל פרנסה. אבער ער האט אלעמאל זייער אכטונג געגעבן אויף מותרות. "אז מ'דארף עס נישט, דארף מען עס נישט," פלעגט ער זאגן. אלעס וואס מיר האבן געדארפט האבן מיר ב"ה געהאט, אבער איבריגס איז נישט וויכטיג.

ווען איך האב חתונה געהאט האב איך געקויפט זייער נארמאלע פשוט'ע מעבל. א חבר'טע איז מיך אמאל געקומען באזוכן, און זי פרעגט מיר, "די ביליגע מעבל האסטו גענומען?! האסט נישט געזען וועלכע שענערע ס'איז דא אין געשעפט?!" און איך האב געטראכט, אבער נישט געזאגט הויך, 'אודאי, מיין טאטע האט צאמגעשטעלט דיין חתונה, און נישט דיין טאטע מיינס... מיינס ב"ה האט מיין טאטע געקענט באצאלן, איז מיר געווען גוט א ביליגע דיינינג-רום סעט אויך; דיינס איז געווען א צאמגעשטעלטע חתונה, ווייל אלעס מוז זיין אויפ'ן העכסטן סטאנדארט, האט עס געמוזט זיין פון דאס שענסטע און דאס בעסטע...'

סטאנדארטן זענען טאקע נאר א שטער, אבער דער אמת איז אז ווען מ'הייבט אן חתונה מאכן די קינדער ווערט עס פיל שווערער. ווייל אז כ'האב געגעבן פאר מיין פריערדיגער טאכטער דאס און יענץ, פארוואס קומט זיך עס נישט פאר דאס קומענדיגע? אדער ווען מ'האט צוטון מיט א מחותן – דער מחותן וויל יא דעם העכערן סטאנדארט – וואס זאל מען דעמאלטס טון?

דערפאר געדענק איך אז ווען איך האב אנגעהויבן מיט שידוכים פאר מיינע קינדער האב איך אלעמאל געזאגט אז א בעל הבית'ישער רייכער מחותן איז א מינוס, נישט א פלאס. יעצט דארף איך זיך פארגלייכן צו אים און נאכקומען זיינע הויכע סטאנדארטן.

מיינע קינדער זענען נישט אויפגעוואקסן אז זיי מוזן האבן די פויגל-מילך און אלעס אויפ'ן העכסטן סטאנדארט. אלעס וואס מיינע קינדער דארפן איז ב"ה דא צו באקומען אין מיין הויז, אבער סתם זיך צוגעוואוינען צו רייכער און שענער און בעסער, איז א מינוס.

**■ וויאזוי האט מען זיך טאקע אן עצה געגעבן אן טעלעפאנען, וואש-מאשינען א.ד.ג.?**

אייער שאלה דערמאנט מיר פון ר' יו"ט ערליכ'ס שילדערונג אויף א פרוי וואס האט געהאט טויזנטער מאשינען אינדערהיים – א וועקיום קלינער, א פענסטער-וואשער... און ווען דער מאן איז אהיימגעקומען איז ער געשטאנען ביי דער

↵

# חכמת נשים

↵

טיר און ער האט געפרעגט, "ווער?" און זי האט געענטפערט, "דער פערד!" און ר' יו"ט ערליך זאגט פון הינטן, "זי איז גערעכט! וויאזוי לאזט מען איבער איין שוואכע אידענע מיט אזויפיל מאשינען אליין?..." מ'דארף האבן בערג מיט כח בלויז אכטונג צו געבן אויף די אלע אפלייענסעס, אז ס'לוינט זיך נישט דאס גאנצע געשעפט.

איך האב געהערט פון איינעם איבער א וואשער פאר דער ערד וואס איז אויך א וואקיום קלינער און אויך ווישט עס אפ די פאדלאגע. באלד בין איך כמעט געווארן אנגערייצט און שוין געוואלט אפזאגן מיין גוי'טע... אבער יענער האט מיר אויפגעקלערט אז ס'האט א זעקל פון אינעווייניג וואס איך דארף אליין ארויסנעמען און אויסוואשן - דאס קאסט מער ארבעט ווי וואשן די גאנצע ערד! פון זייער אסאך פון די געלונגענע קאמפיוטער-געפירטע קלאפערגעצייג זעט מען וויניגער נחת ווי ווען מ'טוט עס פיזיש אליין.

איך האב נישט געלעבט אין דער תקופה וואו ס'זענען נישט געווען קיין טעלעפאנען, אבער א סעלפאן איז נישט געווען. איך ארבעט אין א שולע. יארן צוריק האט די שולע מיר אנגעבאטן צו קויפן א סעלפאן. 'וואס הייסט? מ'דארף קענען צוקומען צו אייך ווען איר זענט נישט אין שולע,' האבן זיי מיר געזאגט. און איך האב זיי געענטפערט, 'ווען איך גיי ארויס אויף איין שעה, זאל מיך טאקע ביטע קיינער נישט זוכן...'

און היינט? אז איך גיי ארויסטראגן עפעס אויף דער גאס פאר צוויי מינוט און איך נעם נישט מיט מיין פאון, פיל איך ווי כ'האב ארויסשפאצירט אן שיך און אן א טורבאן. ס'איז געווארן אזא אדיקציע - אבער ווער דארף עס? דו ווייסט וויפיל רואיגער מ'האט געלעבט אן דעם? איך מוז זיין פארבינדן יעדע איינציגע מינוט פון טאג?! איך בין דען א הצלה וואלונטיר?! אזויפיל זאכן אין לעבן כאפט מען זיך נישט אז נישט נאר מ'דארף עס נישט עכט האבן, נאר ס'איז א שטער. אבער ווען מ'געוואוינט זיך צו פילט מען ווי מ'קען נישט אטעמען אן דעם.

■ **איז דא א זאך וואס אייערע עלטערן זענען נזהר געווען דערין און איר האט עס מיטגענומען אין אייער לעבן?**

מיין טאטנ'ס שמירת הלשון איז געווען אויף זייער א הויכן ניווא. ווען איך בין אויפגעוואקסן איז אויך געווען אסאך פאליטיק - ס'איז נישט געבוירן געווארן היינט, ס'איז אויך געווען אין אייראפע, לויט ווי כ'האב געהערט פון מיינע עלטערן. אבער ס'האט נישט עקזיסטירט אין אונזער שטוב. כ'האב זייער שטארק געוואוסט פונקטליך פון וועם מיין טאטע האלט און וואו ער וויל נישט אריינטרעטן. אבער נישט ווייל כ'האב עס געהערט רעדן אין שטוב.

■ **פון וואו האט איר געוואוסט?**

כ'האב געזען צו וועלכע טישן ער לויפט, און ווי הויך ער רעדט פון א געוויסן רבי'ן... אבער רעדן אין שטוב? קיינמאל! מיין טאטע פלעגט זאגן אז א דיין דארף אויסהערןביידע זייטן - און א פרעמדער קיין איין.

איך בין מנהלת פון דעם נייען דעפארטמענט אין שולע. ווען איך בין אריינגעקומען ארבעטן אין דער שולע, האט זיך געטון שרעקליכע פאליטיק אויף דער גאס. די פאליטיק איז געגאנגען אויף זייער א ביליגן אופן, ס'איז געווען מורא'דיג אומבא'טעמ'ט.

נייען-קלאס איז נישט אזויווי א געווענליכער קלאס. די מיידלעך קענען רעדן צווישן זיך, דארפן נישט אויפהייבן זייער האנט ווען זיי ווילן עפעס, און דערפאר, אויב קענען זיי רעדן וואס זיי ווילן, רעדן זיי טאקע וואס זיי ווילן... קומענדיג פון דער שטוב וואו איך בין אויפגעוואקסן, האב איך געזוכט א וועג דאס אפצושטעלן. די ערשטע וואך האב איך צאמגענומען אלע פערציג מיידלעך און כ'האב אנגעהויבן אזוי:

"עטס זעטס די טישן? דאס זענען זייער שוואכע, וואקלדיגע טישן. ס'קען האלטן סחורות, געצייג, אפאר פאפירן... אבער נישט קיין מענטשן. דעריבער גייט קיינער נישט ארויפלייגן קיין מענטשן, קיין שכנים, קיין רבי'ס, קיין לערערינס, מוסדות א.ד.ג. ווייל די טישן קענען פשוט נישט דורכטראגן די וואג..."

כ'האב אויסגעארבעט א פראגראם וואו די מיידלעך זענען אחריות איינע אויף דער צווייטער זיך אכטונג צו געבן פון דברים אסורים. דו ווייסט וואספארא באמבארדירונג א מיידל האט באקומען אויב זי האט אנגעהויבן רעדן?... "לשון הרע!!! פאליטיק!!! סטאאאאאפ!!!" ביים סוף פון דעם יאר האב איך צוגעגרייט א באלוינונג מיט די ווערטער 'נצור לשונך מרע - די בעסטע עצה זיך צו האלטן יונג, איז דורך זיך היטן די צונג'. און... די לעצטע וואך פון שולע האבן פערציג מיידלעך באקומען די באלוינוג, ווייל יעדע איינע האט זיך געהאלטן דערצו.

פארוואס? וויאזוי האב איך עס אזוי פעסט געקענט איינפירן? נאר ווייל איך בין אויפגעוואקסן אין אזא שטוב. מיין טאטע האט נישט דערהויבן די ביליגע שפראך, און ביז'ן היינטיגן טאג איז דאס אין מיין בלוט, ס'איז אין מיין געפיל. אויב זיץ איך אין א צירקל וואו מ'באדט זיך אין יענעמ'ס צרות - ווייל מ'האט געזאגט 'נעבעך' און דאס ווארט

> **מיין מאן איז שוין ארויס פון דער ארבעט א לאנגע צייט צוריק, אבער ווייל ער קען ב"ה לערנען און ער האט זיך צוגעוואוינט צו לערנען, איז ער אלעמאל פארנומען צו לויפן פון דעם שיעור צו יענעם שיעור**

'נעבעך', מתיר'ט עס אלעס... - באקום איך אן אלערגישע רעאקציע.

פון דער אנדערער זייט, זענען אבער דא געוויסע זאכן וואס זענען היינט באמת זייער אסאך שענער ווי ס'איז געווען אמאל. למשל, ס'זענען דא אסאך שיינע שיעורים וואס ס'איז זייער גרינג צוצוקומען דערצו. פון דער אנדערער זייט אבער זענען דא אסאך קרומע... למשל איבער חינוך, זאל ג-ט באהיטן וואספארא נושאים עס ווערן קרום אויסגעשמועסט. נישט אז איך דארף צוקומען צו חינוך שיעורים - איך קען דאך נישט מחנך זיין די אור-אייניקלעך... אבער ס'האט מיר דערציילט א חבר'טע אזוי: איר טאכטער איז געזעסן אין הויף צוזאמען מיט אסאך שכנים. איינע פון די צוויי-יעריגע וואס האבן זיך דארט געשפילט, האט זיך אנגעשמירט מיט מאראסט פון קאפ ביז פיס. דרייט זיך די מאמע פון דעם קינד אויס צו מיין חבר'טע'ס טאכטער און בעט: טו מיר א טובה, האלט אן אויג אויף מיין בעיבי פאר צוויי מינוט, איך מוז ארויפלויפן נאכקוקן אין מיין בוך זען וואס מיין טיטשער האט געזאגט וויאזוי איך דארף דאס באהאנדלען...

**■ וואס קענט איר מיר דערציילן איבער שפעטער, ווען איר האט אנגעהויבן האבן אייערע אייגענע קינדער?**

איך קען זיך עכט נישט ארייינלייגן אין די שיך פון מאמעס פון קינדער-געבענטשטע משפחות, ווייל איך האב געווארט פיר-א-האלב יאר פאר קינדער און למעשה האב איך א קליינע משפחה פון פיר קינדער. איך האב צומאל ארייינגענומען אסאך קינדער צו זיך אין שטוב, אבער איך אליין בין קיינמאל נישט געווען א מאמע פון 12–14 קינדער.

**■ קען איך הערן אביסל מער איבער די פיר-און-א-האלב יאר וואס איר האט געווארט אויף קינדער?**

איך ווינטש עס נישט פאר קיינעם, אבער יעצט אז איך קוק צוריק, זענען געווען גרינגערע צייטן און אביסל שווערערע צייטן. איך האב אבער אלעמאל געהאט זייער א גרויסע הילף אין מיין לעבן: איך בין קיינמאל נישט געווען לאנגווייליג. איך בין א שעפערישע מענטש און איך האב זייער ליב סיי וואס וואס נעמט אריין שטריקן, מאלן, פארבן, מאכן און סיי וואס וואס נעמט אריין שעפערישקייט. איך וואלט געקענט האבן זייער אסאך זמנים אין לעבן וואס איך וואלט געקענט זאגן, 'ס'איז מיר עכט לאנגווייליג.' כ'האב פיר-א-האלב יאר נישט געהאט קיין קינדער און אין דער תקופה איז אויך געווען א האלב יאר וואס איך בין געווען ארבעטסלאז. חוץ מזה, בין איך סיי מיט מיינע עלטערן און סיי מיט מיינע שוויגער-עלטערן זייער אסאך געווען אין שפיטאל. אין שפיטאל איז דא אסאך אסאך צייט... אפילו ווען איך האב שוין יא געהאט קינדער און אן ארבעט, האט מען געדארפט גיין. מען קען נישט זאגן 24 שעה א טאג תהילים. אודאי, וויפיל איך האב געקענט האב איך מתפלל געווען, אבער כ'האב געקענט זאגן, 'יא, ס'איז געווען זייער אן איינזאמער, לאנגווייליגער זמן.'

אבער ניין, ס'איז נישט געווען קיין לאנגווייליגער זמן. כ'האב אלעמאל געהאט וואס צו טון, איך האב אלעמאל געמאכט זיכער צו זיין פארנומען ביז איבער'ן קאפ.

ס'האט נישט נאר מיט ווארטן אויף קינדער. יעדער ווערט געפרואווט אויף אן אנדערן אופן. אבער איך פיל אז א פרוי וואס האט נישט ליב צו טון און מאכן, איז ווען זי ווערט עלטער האט זי שווערינקייטן. ס'איז פונקט ווי א מאן וואס קען נישט לערנען יונגערהייט; ווען ער גייט ארויס פון דער ארבעט בלייבט ער זייער לאנגווייליג.

מיין מאן איז שוין ארויס פון דער ארבעט א לאנגע צייט צוריק, אבער ווייל ער קען ב"ה לערנען און ער האט זיך צוגעוואוינט צו לערנען, איז ער אלעמאל פארנומען צו לויפן פון דעם שיעור צו יענעם שיעור, פון דעם ספר צו יענעם ספר.

דאס זעלבע איז מיט א פרוי: אויב זי האט ליב צו טון, זענען אירע עלטערע יארן זייער זיס.

מיין שוויגער ע"ה איז אויף די עלטערע יארן געווען פארלאזירט אויף א האלבער זייט פון איר קערפער ל"ע. זי האט קיינמאל נישט געארבעט אינדרויסן פון שטוב, אבער זי איז אלעמאל געווען טעטיג מיט 'עפעס'. זי האט אלעמאל געמאכט שטרודל, קוכעלעך, ראגעלעך, בילקעלעך... מיט איין האנט! איך געדענק ווען זי האט מיר צוגעשטעלט זיבעציג בילקעלעך פאר מיין טאכטער'ס שבע ברכות - אבער נישט קיין באליס, נאר שיינע געפלאכטענע! זי איז אלעמאל געווען א פלייסיגע מענטש. ס'איז אן אופן פון אנשטעלן דעם מח: איך גיב זיך אן עצה מיט וואס איך האב און איך ארבעט אויף זיך אליין זיך צו מאכן גליקליך. און... איר לעבן אלס פארלאזירטע איז אויך געווען זיס.

איך בעט אלץ פונעם אייבערשטן: נעם נישט אוועק מיין אמביציע, און גיב מיר די געצייגן אויסצופירן וואס איך וויל. ■

אויב האט איר א געדאנק פון איינער וואס איז פאסיג פאר א שמועס אין דער קאלום, ביטע לאזט א מעסעדזש אויף 845.200.3313 #101



בס"ד
פאר אַן
אויסוואל פון
געשמאקע טעיקאוט
א גוטע נאמען גייט ווייט.
אונזער דעלי איז באקאנט מיט
נארהאפטיגע גוטע מאכלים פאר יעדע
צייט און לויט יעדע אפעטיט. קומט
אריין און איבערצייגט אייך אליין.
טעגליכע ספעשלס:
ריפ סטעיק מיט 2 סייד-דישעס...... $45
סענדוויטש מיט א סאודע............. $15
ריזיגע אויסוואל פון 9X13 מעניו פאר מסיבות
הצלחה פלייש
Meat & Deli
דקהל בני יואל דסאטמאר
156 Acres Rd.
845.783.1010

nussi AT pinexteam

שטעלט אייך פאר




הממ... מאדנע דערהער...

# פעסטעל

א הומאריסטישער און
רעאליסטישער בליק אויף
אונזער ווירטשאפט

כ. זילבער

יעדן טאג מען איז געצווינגען צו
טראכטן דערוועגן,
וואס שטעלט מען היינט צו פאר
נאכטמאל טוט מען זיך פרעגן.
**די מיליאן-דאלאר פראגע וואס אלע
"אידענעס" ארום האבן טעגליך,
מיט איר צוויי גאלדענע הענט וועט א
נאהאפטיגע נאכטמאל ווערן
ערמעגליכט.**
יעדע באלעבאסטע מיט איר
אייגנארטיגן וועגן,
איינע health conscious וועט חלילה
קיינמאל פרעגלען.
**אן אנדערע זאגט, דער כח ליגט אין
שיסל, א פרישן סאלאט טעגליך שטעלט
צו,
אן אנדערע קלאפט שוין שנעל עפעס
צוזאם ווי-נישט-ווי.**
די עבודה פון דער "אידענע" פאר איר
טייערע משפחה,
צושטעלן עפעס ווארעמס נאך א לאנגן
טאג אויף וואס צו מאכן א ברכה.
**איינע טוט די גאנצע וואך אויספלאנירן
אויף איינמאל,
אן אנדערע פאלט נאר ביי ווען די
קינדער קומען אט אהיים פון חדר און
סקול.**
איינע מיטן איוון באניצט זיך שטענדיג,
אן אנדערע געשוואוירן מיטן Betty,
ס'איז נייע צייטן, געענדיגט.
**רוב "אידענעס" ווילן זיך צושטעלן צום
national מיטוואך-מילכיג rule,
ווייל "אזוי טוען אלע מיידלעכ'ס
מאמעס פון מיין סקול."**
צומאל ווערט דאס נאכטמאל און shifts
צעטיילט,
די מאמע ווי א געטרייע waitress, צו
פיטערן יעדן זי איילט.

**באלד נאך דער ערשטער גלאז קאווע, די
"אידענע" צום פריזער שפאנט,
א זעקל פארפרוירענע פלייש זי נעמט
אפיר, ווייל עס ברויך זיין וואס צו עסן
היינט.**
ווען דער פריזער איז שוין אביסל
נעבעכדיג און לער,
מיט איין קלונג צום לאקאלן בוטשער
איז אלעס מסודר,
**קאטלעטס, צאמבעלעך, 'ביעף מיט
טשיקן' צעמאלן,
ב"ה נאר געזונטערהייט, זי זאגט זעענדיג
דעם הויכן ביל צו באצאלן.**
אויך מיט דער פראקטישער געשמאקער
גראסערי סערוויס טוט זי זיך מחי' זיין,
זי ליינט זיי אראפ איר פונקטליכע
ליסטע פון באשטאנדטיילן.
**ווען דער ערווארטעטער ארדער ביי דער
טיר איר אפווארט, איז זי טאקע מודה,
אז הערשט דאן הייבט זיך אן דער עיקר
עבודה.**
זי שארט ארויף איר ארבל און איז נישט
פויל,
זאל זיין צו געזונט פאר איר געזינדל
דאס עסן וואס זיי נעמען אין מויל.
**האפטיג זי דינסט, שניידט און שיילט,
די אנגענעמע גערוכן ווי פון זיך אליין
פארציילט.**
א הערכסט-געשמאקע נאכטמאל מלא
טעם טוט היינט קומען,
איר גאנצע הארץ און נשמה טוט ליגן
דערינען.
**מיט אירע מוטערליכע געפילן זי טוט
אוודאי נישט פארגעסן,
אז נישט אלע אירע קינדער האבן אייניג
הנאה פון די ספעציפישע עסן.**
פאר מוישי אוודאי די צוויבל פונעם
סאלאט זי לאזט אויס,
איין פליישל נישט איבערציען, רבקה'לע
עסט דאס סתם בלויז.

**פאר שיינדי די גרינצייג-זופ גענצליך
צעמאלן, חלילה נישט זיין קיין שטיקער,
פאר ליבי איז נאר אינטערעסאנט די
לאקשן אויב מען גיסט דערויף צוקער.**
פאר דעם toddler אלעס צושניידן אויף
פיצלעך,
יעקב וועט נאר עסן אויב אלעס אינעם
טעלער צעטיילט ווי סאלדאטן
פונקטלעך.
**די גרויסע פון ישיבה אנגעזאגט מען זאל
איבערלאזן גענוג עס זאל זיין,
זיי עסן פשוט מיט די אויגן זעט זי צום
סוף איין.**
און אזוי, נאך איר גאנצע שווייס און
הארעוואניע,
זעט זי דאס קליינע אין דער זופ מאכט
בלויז א פלאטשקע.
**דאס איבעריגע געזינדל טוט מיט דער
נאז קרומען,
נאכן האסטיג עפענען די טעפ און קוקן
דערינען.**
די נאהאפטיגע עסנס טוט זיי נישט
געפעלן,
געוואלט מען זאל היינט עפעס
אנדערש צושטעלן.
**אפילו די ספעציעלע 'סמאדי' וואס די
קינדער גלייכן, צו מאכן פשוט געווען א
שאד,
קיינער ניטאמאל אנגעקוקט, זיי זענען
היינט נישט אין דעם מוד.**
צום סוף האט מען זיך געזעטיגט מיט א
טרוקענעם פינאט-באדער סענדוויטש,
די "אידענע" באשלוסט פעסט אז אין
קיך מער זי פאטשקעט נישט.
**נאכן זיך פלאגן צו קימערן איבער יעדנ'ס
פארשידענע געברויכן אבער נאך ווי,
איז איר געבליבן צו וואונדערן, איז
אפשר פארהאן א סיקרעט רעסעפי?!**

nussi (AT) pinexteam

שטעלט אייך **נישט** פאר




גלעזער געקאווערד ביי אינשורענס
+ אויסנאמליכע סערוויס

## סיטרו שטייט גרייט

די בארימטע ענוויזשען, וועלכע איז באקאנט פאר איר ריזיגע אויסוואל פון גלעזער אינאיינעם מיט אויסגערופענע סערוויס, איז אצינד Ctrue. יעצט באקומט איר ברילן וועלכע איר זוכט, איבערגעגעבענע קאסטומער סערוויס, און צום לעצט... געקאווערד ביי אינשורענס.

Ctrue

845.915.9371 | THECTRUE.COM | INFO@THECTRUE.COM
1 PRESHBURG BLVD, KIRYAS JOEL, NY 10950

# זיוק

פראקטישע טיפס,
הילפסבארע אינפארמאציע
און נוצבארע פראדוקטן.
געהערט, געליינט אדער געזען.




## MAGIC TAP DISPENSER

**ניצבארער פראדוקט:** עס מאכט זיך אין אלע שטיבער אז די קינדער ווילן אליין נעמען מילך אדער 'דזשוס', אבער זיי זענען נאך צו יונג צו גיסן פון א גרויס פלעשל, און נישט שטענדיג איז איינער ביי דער האנט זיי צו העלפן.
מיט דעם "דיספענסער" קען יעדער נעמען אליין, אן איבערלאזן א חורבן וואס מען זאל דארפן רייניגן. מען קען לייגן די פלעשלעך מיט די 'דיספענסערס' אויף א נידעריגער פאליצע אין דער טיר פון דער פרידזש, אז זיי זאלן עס קענען אליין דערגרייכן.

## אינטערעסאנטער פאקטן

אמאל פלעגט מען שטארבן מיט א סניז (האטשו), און יעקב אבינו האט געבעטן דעם באשעפער אז מען זאל נישט שטארבן אזוי פלוצלונג, נאר דער מענטש זאל קודם קראנק ווערן, ער זאל האבן צייט תשובה צו טוען.
דעריבער, ווען איינער סניזט זאגט מען "צום געזונט", צו דאנקען דעם באשעפער אז מען איז געבליבן ווייטער לעבן.
ווען א מענטש סניזט טוט זיין הארץ זיך אפשטעלן פאר א מיליסעקונדע און דערנאך ווערט ער צוריק 'לעבעדיג' און זיין הארץ קלאפט ווייטער.
צום געזונט!





## געדאנק פאר דער וואך!

**גיין שטייט איז נישט קיין פראבלעם; דער פראבלעם ווערט ווען מען שטעלט זיך אפ!**

**ח. ראזנפעלד**
845.200.3313 #101

# די FDA אגענטור שטעלט ארויס א פארבאט קעגן ארייןלייגן Red 3 קאָלאָרינג אין עסן

מיט צוויי וואכן צוריק האבן מיר געשריבן אין דעם קאלום איבער דער שעדליכקייט פון דעם Red 3 כעמיקאל, און איבער דער מעגליכקייט אז די FDA וועט ארויסגעבן א פארבאט דערקעגן אין די נאנטע טעג. און מיט עטליכע טעג צוריק איז טאקע געבראכן געווארן די נייעס אז אט דאס האט פאסירט.

די אמעריקאנע FDA אגענטור (Food and Drug Administration) האט דעם פארלאפענעם מיטוואך ארויסגעגעבן א פארבאט וואס פאראדענט אפצושטעלן דעם באנוץ פון Red 3 קאָלאָרינג אין עסנווארג, ברענגנדיג א פלייץ פון פאזיטיווע רעקאציעס איבער דעם שריט.

דאס קומט נאך לאנגע יארן וואס גרופעס און אקטיוויסטן פארפירן אז עס איז גאר שעדליך און פארלאנגען אז עס זאל ווערן אראפגענומען פונעם מארקעט. אין פאקט איז עס שוין געווען פארבאטן ארייןצולייגן אין Cosmetics זינט 1990 למס', און דאס איז אפט גענוצט געווארן אלס ארגומענט צו איבערצייגן אז די אגענטור זעלבסט האט אנערקענט די שעדליכקייט דערפון.

דער כעמיקאל איז עפעס וואס ווערט ארייגעלייגט אין גאר אסאך פראדוקטן וואס קומען אריין און ווערן באנוצט אין אונזערע היימען אויף א טעגליכן פארנעם. צווישן די מערסט באנוצטע פראדוקטן וואס אנטהאלטן אפט Red 3 זענען: קענדיס, סאדע, בעיבי עסנווארג, אייסעס און אייס-קריעם, פארשידענע סארטן געבעקסן, און פיל מער.

שוין לאנגע יארן וואס מען גלויבט אז Red 3 איז גורם יענע מעשה ה"י, און אין פילע לענדער איבער דער וועלט איז עס שוין טאקע פארבאטן פאר יארן צוליב דעם. די היזיגע FDA האט אבער נישט געוואלט נעמען דעם שריט ביז היינט, מיט דער טענה אז די שטודיעס און אינפארמאציע וואס זענען דא איבער דעם טוען נישט איבערצייגן אז דאס קליין ביסל דערפון וואס ווערט ארייגעלייגט אין עסן פראדוקטן טוט פאקטיש אנברענגען די מחלה אויף די מענטשן וואס עסן זיי.

אינטערעסאנט איז אז אפילו אצינד ווען זיי האבן זיך למעשה געבראכן און איינגעגאנגען עס צו פארבאטן, האבן זיי זיך ווייטער געהאלטן ביי זייער'ס און קלארגעשטעלט אז עס זענען נישט דא קיין באווייזן וואס שטיצן אונטער די אנגעבליכע געפאר וואס ארייןלייגן Red 3 אין עסן ברענגט.

אויסער פון דעם זארג אז עס קען חלילה גורם זיין יענע מעשה ל"ע, זענען אויך דא זארגן אז עס ברענגט אן געזונט פראבלעמען פאר קינדער און שאדט פאר זייער אויפפירונג.

דער פארבאט גייט אריין אין קראפט אין צוויי יאר ארום. אנגעהויבן פון יאר 2027 למס' וועלן אמעריקאנע פירמעס דארפן ארויסנעמען דעם באשטאנדטייל פון זייערע פראדוקטן, און גלייכצייטיג וועלן אימפארטירטע עסנווארג וועלכע אנטהאלטן דעם כעמיקאל מער נישט קענען פארקויפט ווערן אין די פאראייניגטע שטאטן.

הגם עס ווערט נאך אסאך באנוצט אין די פאראייניגטע שטאטן, זענען שוין אבער דא א רייע קאמפאניס וואס האבן דאס שוין אויפגעהערט צו נוצן, נאך וואס קאליפארניע האט מיט ארום צוויי יאר צוריק פארבאטן דעם באנוץ פון Red 3 אין עסנווארג וואס ווערט דארט פארקויפט.

דער באשלוס איז געווארן אויפגענומען מיט גרויס צופרידנהייט און שטארק באגריסט געווארן דורך א רייע גרופעס און געזונטהייט אקטיוויסטן וועלכע ארבעטן שוין לאנגע יארן דאס צו עררייכן, און זענען אצינד העכסט צופרידן אז עס איז ענדליך געלונגען צו דורכפירן.

# אלקאהאל און 'יענע מעשה' ל"ע

פאריגע וואך איז ארויסגעקומען א באריכט פון דעם הויפט דאקטאר אין דער אמעריקאנער רעגירונג (U.S. SURGEN GENERAL) אז ס'זענען דא באווייזן אז טרינקען אלקאהאל ברענגט 'יענע מעשה' ל"ע, און ער האט פארגעשלאגען אז מען זאל פארלאנגען אז יעדעס פלעשל אלקאהאל זאל מוזן האבן אויף דעם א ווארענונג אז טרינקען אלקאהאל איז שעדליך פאר יענע מעשה.

דאקטוירים איבערן גאנצן לאנד האבן גאר שטארק באגריסט דעם באריכט, ווייל זיי האלטן שוין לאנג אז מען טוט נישט גענוג צו אינפארמירן דעם עולם איבער דער פארבינדונג פון אלקאהאל מיט יענע מעשה.

לויט ווי פארשונגען ציגן, איז אלקאהאל די דריטע גרעסטע קאטאגאריע וואס א מענטש קען פארמיידן אלס השתדלות קעגן יענע מעשה. דאס ערשטע איז רייכערן, דאס צווייטע איז איבערוואג, און דאס דריטע איז אלקאהאל.

איינע פון די פראגעס וואס מען פראבירט צו ענטפערן איז, צי אביסל אלקאהאל איז אויך א פראבלעם אדער נאר אסאך אלקאהאל. ווייל ווי באקאנט, איז אלקאהאל-באנוץ גאר שטארק, און איבער זעכציג פראצענט מענטשן טרינקען אלקאהאל כאטש איין מאל א וואך.

ס'איז קלאר אז ווי מער מען טרינקט, אלץ מער איז די ריזיקע חלילה קראנק צו ווערן. אבער די פארשונג ביזערווייל ווייזט אז אפילו אביסל טרינקען איז אויך נישט געזונט און אז ס'טוט שעדיגען די צעלן אין דעם בלוט.

ס'איז דא וואס זאגן אז אביסל רויטע וויין איז געזונט פאר'ן מענטש. אבער דאקטוירים האלטן אז אפילו אויב ס'איז אמת, איז דער שאדן וואס ס'מאכט זיכער מער ווי די בענעפיטן.



info@pigeonstrategies.com

# Prepare for Harvest

A gentle nudge from nature to ensure a smooth childbirth and postpartum experience. Finally, a **Red Raspberry Leaf** supplement that is practitioner formulated and highly concentrated for accurate dosage and real results.




AVAILABLE AT YOUR LOCAL HEALTH FOOD STORE

We specialize in herbal solutions for male and female reproductive health issues, including, PCOS, fertility, regulation, and nursing.




Highly recommended by Rabbanim and health practitioners

20 years of successful usage in Eretz Yisroel

Text your email to 929.483.4044 to receive our full product brochure

888.918.0609
info@lifeseedsupplements.com
LifeseedSupplements.com

lifeseed
HERBAL REPRODUCTIVE SUPPLEMENTS

# נאטורליך

## 4

## דער סארנא מעטאד

פארגאנגענער וואך האבן מיר געזען ווי וואונדערליך דער מענטשליכער מח ארבעט און פונקציאנירט, און איבער דער ארבעט וואס דער אומבאוואוסטזיניגער טייל לייגט אריין אינעם קערפער, וואס ווי די טעאריע פון דר. סארנא האט געלויטעט, איז דאס דער דירעקטער גורם צו אסאך פיזישע ווייטאגן. היינט וועלן מיר זען אביסל מער דעטאלן איבער די ווייטאגן און א טיפערע ערקלערונג איבער וואס דער מח וויל עררייכן דערמיט.

די ווייטאגן זענען נישט שעדליך. זיי זענען אייגנטליך קאנטראלירט דורכן זעלבן מח וואס איז באאויפטראגט צו זארגן אויף דעם מענטש'ס געזונט. (מיטן אויסנאם פון פארשידענע צושטאנדן, ווי אסטמא און אלערגיעס, וואס דער צושטאנד אנטוויקלט זיך פיזיש, ביז עס גייט ארויס פון דעם מח'ס קאנטראל.) זיי קענען אבער יא וויי טון, שטארק וויי טון, אזש זיי קענען ברענגען דעם מענטש זיך צו רייסן פאר יסורים, וואס קען גורם זיין אז ער זאל אויפהערן צו קענען פונקציאנירן און אנגיין מיטן טאג-טעגליכן, אדער אים אפילו ארײנלייגן אין בעט.

עס איז אן אפטער טעות ביי מענטשן צו פארמישן צווישן קרענק וואס קומען פון דעם מח, און איינרעדענישן - אז די קרענק ווערט פאבריצירט אין מח און קומט נישט פון קיין פיזישן גורם, הייסט אז מען איז נישט באמת קראנק, נאר מען שפירט אזוי ווייל דער מח רעדט אזוי איין דעם מענטש, ניין? מען רופט דאס היינט mind over matter.

עס איז אבער נישט אזוי. די קרענק ווערן טאקע פאבריצירט אין מח, אבער זי איז נישט קיין איינרעדעניש אדער פאלשע מעשיות; דער מח טוט עס, דורכדעם וואס ער אקטיוויזירט א פאקטישן פיזישן פראבלעם. די ווייטאגן זענען אמת'ע, און וועלן נישט פארשוואונדן אפילו דער מענטש וועט אויפהערן גלייבן אין זייער עקזיסטענץ. געוויסע פון די צושטאנדן קען מען אפילו זען אויף בלוט טעסטן.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז איין פאקטאר וואס קען שפילן א ראלע אין וועלכן סארט פראבלעם דער מח וועט פראדוצירן, איז פון וואס נאך מענטשן ארום ליידן. א מענטש וואס געפינט זיך אין א סביבה וואו עס זענען דא מערערע מענטשן וואס ליידן פון א געוויסן צושטאנד, וועט ער זיין מער אויסגעשטעלט דאס צו באקומען. מען האט אונז שוין לאנג געלערנט אז דער מח האט א נייגונג צו זיין אזויווי יעדער... עס זענען אפילו דא רעקארדירטע פעלער וואו מענטשן האבן געשפירט ווייטאגן אין פלעצער וואס זיי האבן געוואוסט אז זיי וועלן דאס בעסטע קענען באקומען באהאנדלונג.

נישט אלעמאל איז דא א גענויע סיבה פארוואס דער ווייטאג קומט אויף א געוויסן פלאץ אדער אין א געוויסער צייט. דער מענטש שפירט די ווייטאגן און ער הייבט אן זיין פארנומען דערמיט; עס לאזט אים יא אדער נישט פונקציאנירן, און אנגיין. ער נעמט זיך שפעקולירן וואס עס איז, פון וואו עס קומט, און וואס מען קען טון דערצו. ער גייט ארום צו דאקטוירים, טיילמאל גייענדיג פון מעדיציניש צו נאטירליך און צוריק. ער פרובירט אלע סארט עצות און סגולות.

אין דער זעלבער צייט זיצט דער 'סוב-קאנשעס' מח און קוועלט, זיין ציל איז דערגרייכט געווארן. נישט ווייל ער האט ליב אז דער מענטש איז אין יסורים, אבער אדאנק דעם איז דער מענטש נישט אויסגעשטעלט צו זיין אינערליכן דרוק. ער איז גענוג באשעפטיגט.

ווען עס גייט אריבער מער צייט און דער מח זעט אז דער מענטש געוויינט זיך צו שטארק צו צו די סימפטאמען און איז מער נישט אזוי פארנומען דערמיט, הייבט ער אן זיך ארומצושפילן. ער מאכט די ווייטאגן שטארקער, ווערן שטארקער און שוואכער אין געוויסע צייטן. ער רעאגירט צו געוויסע באהאנדלונגען יא און צו אנדערע נישט, און קען אויפאמאל טוישן און אויפהערן צו רעאגירן צו דאס וואס האט אים אין דער פארגאנגענהייט יא בארואיגט. ער קען אויך רוקן דעם ווייטאג פון איין פלאץ צום צווייטן, און אפילו טוישן צו א צווייטן צושטאנד. דער מענטש קען מיינען אז עס איז פערצופאל, זיין רוקן-ווייטאג האט זיך אויסגעהיילט (געבנדיג דעם קרעדיט פאר דער לעצטער באהאנדלונג וואס ער האט פרובירט) און פונקט אין יענער צייט האט ער אנגעהויבן ליידן פון קאפ-ווייטאג. ער פאסט נישט אויף אז עס איז דער זעלבער מח וואס איז נמאס געווארן פון זיין רוקן, און האט זיך אים אריינגערוקט אין קאפ, מיט די זעלבע כוונות.

**ש. גוטמאן**
845.200.3313 #101



**די קרענק ווערן טאקע פאבריצירט אין מח, אבער זי איז נישט קיין איינרעדעניש אדער פאלשע מעשיות; דער מח טוט עס, דורכדעם וואס ער אקטיוויזירט א פאקטישן פיזישן פראבלעם**

דר. סארנא דערציילט אז 88 פראצענט פון די פאציענטן וואס ער האט באגעגנט מיט TMS, האבן געהאט א היסטאריע פון צושטאנדן וואס זענען פארבינדן מיט 'סטרעס', ווי מאגן ברענען, עקזעמע, קאלייטיס, אדער מייגרעין. דאס הייסט, אז זייער רוקן איז נישט געווען דער ערשטער פלאץ וואו דער מח האט געשפילט זיינע שטיק.

דער מח שפילט אזוי ארום מיטן מענטש. ער לאזט אים זיך באהאנדלען, און איז אפילו מסכים זיך צו פארבעסערן דורך געוויסע מיטלען, אבער האלט א וואכזאם אויג נישט צו פארלירן דעם מענטש'ס אויפמערקזאמקייט – א ריכטיגער נערוון-שפיל, אין פיזישן און פיגוראטיוון זין פוןווארט.

עס איז דא א חילוק פון TMS און אנדערע צושטאנדן. TMS ווערט געפיטערט דורכן מח דירעקט. דער מח שיקט ווייניגער אקסיגען צו די אפעקטירטע גלידער, און איז כסדר אין קאנטראל פון דער גענויער מאס אקסיגען וואס קומט צו דערצו. דער מח קען אזוי ארום זיך ארומשפילן, מאכנדיג עס שטארקער און שוואכער לויט זיין געברויך. ווען דער מענטש וואלט געווען אויפמערקזאם, וואלט ער געקענט שפירן אויפן ארט ווען עפעס באדערט אים אינערליך, וואו זיין ווייטאג שטארקט זיך, אדער פון סיי וועלכער סיבה וואס זיין מח וויל יעצט שפירן בעסער אדער ערגער.

אנדערע צושטאנדן זענען נישט אזוי דירעקט. דער מח איז גורם, אדער פארשטארקערט דעם צושטאנד, אבער עס ווערט א פיזישער צושטאנד, וואס קען נישט אפגעווישט ווערן מיטאמאל, אפילו ווען דער מח וויל. א מענטש ווערט נישט אויס אלערגיש און הויט פראבלעמען היילן זיך נישט אויס, אין א מינוט וואס דער מח באשליסט אז ער וויל שוין נישט. די געשאפענע קרענק קען געהיילט ווערן ווען דער מח הערט אויף עס צו פיטערן, אבער עס נעמט א לענגערע צייט ביז דער גוף היילט זיך פאקטיש, און קען פאדערן אנדערע מיטלען צו פאררעכטן דעם שאדן וואס איז שוין אפגעטון געווארן.

עס זענען אויך דא ווייטאגן וואס קומען נישט אריגינעל פון מח, נאר זענען געבליבן אין מח. דאס הייסט, ווען דער מח שפירט א געוויסע נאכאנאנדע געפיל, ווערט ער מיט דער צייט צוגעוואוינט אז אזוי קומט עס. עס קען פאסירן, אז א מענטש ווערט געשעדיגט פון א קלאפ אדער ענליכס, און דער פלאץ טוט אים וויי, סתם אזוי, אדער ביי געוויסע באוועגונגען. עס קען זיך מאכן אז דער מח געוויינט זיך צו: 'ווען ער טרעט אויף דעם פוס, שפירט ער ווייטאג; ווען ער בייגט זיין רוקן צו שטארק, ווערט אים שווער צו באוועגן דעם רוקן, ביז עס בארואיגט זיך...'

דערנאך, אפילו דער פלאץ איז שוין אויסגעהיילט, עס איז מער נישט דא דארט קיין פיזישער פראבלעם, בלייבט דער מח איינגעוואוינט מיט די ווייטאגן און דער מענטש שפירט עס ווייטער, פונקט ווי ווען עס איז געווען געשעדיגט. דער מח שיקט די זעלבע ווייטאג סיגנאלן דורך די נערוון, טראץ וואס ער באקומט מער נישט דעם מעסעדזש אז דער מענטש האט גערירט א געשעדיגט ארט.

דער מענטש מיינט דערווייל אז דאס פלאץ איז נאך אלץ געשעדיגט, ווייל ער שפירט פונקט דאס זעלבע.

# אין אפיס


**E. HIRSCH**
845-537-8900
ESTY@CAREERPAIR.NET


## פראפעסיאנאלע קאמיוניקאציע

מיר האבן אויסגעשמועסט אויף וואס א בעה"ב וועט קוקן ביים אפשאצן אויב עס קומט זיך א רעיז פארן ארבעטער. אויך האבן מיר אויסגעשמועסט די מעגליכקייט אז אן ארבעטער קען אנטקעגנקומען דעם בעה"ב און פארשלאגן צו נעמען אויף זיך נאך ארבעט. היינט וועלן מיר אי"ה זען נאך א וויכטיגע זאך וואס בעה"ב ווען פארלאנגען פון זייערע ארבעטער, און דאס איז פראפעסיאנאלע קאמיוניקאציע.

די ערשטע זאך איז האבן א גוטן ענגליש. דאס איז עפעס וואב רוב ביזנעס אייגנטימער ווען ערווארטן פון זייערע ארבעטער.

למעשה איז דאס מציאות אז רוב היימישע מיידלעך האבן נישט די בעסטע און מערסט פליסיגע ענגליש ווען זיי גייען ארויס פון סקול, און אסאך לייגן נישט אריין קיין שום ארבעט צו פארבעסערן זייער ענגליש פארן גיין ארבעטן.

א גוטן ענגליש מאכט אסאך אויס פאר פראפעסיאנאלער קאמיוניקאציע ווען מען האנדלט מיט אנדערע סיי אינערהאלב און סיי אינדרויסן פון דער ביזנעס. דעריבער איז וויכטיג זיך אויסצושלייפן אין דעם און זיכער מאכן אז מען קומט נאך וואס מען ערווארט פון אייך אין דעם הינזיכט.

ווען איר שיקט אן אימעיל מאכט זיכער אז דער מעסעדזש וואס איר ווילט ארויסברענגען איז גענוג קלאר און יענער וועט עס נישט דארפן איבערליינען צוויי-דריי מאל צו פארשטיין וואס איר שרייבט.

אויך איז וויכטיג צו פארשטיין אז אימעיל איז א פראפעסיאנאלער וועג פון קאמיוניקירן. ס'איז נישט ווי א מעסעדזש צו א חבר'טע. יעדער אימעיל דארף האבן אן אריינפיר און אויספיר. מאכט זיכער צו שרייבן פולע זאצן און נישט ניצן קיין "סלענג" אויסדריקן. עס קען אפשר נעמען א מינוט-צוויי לענגער ווען מען שרייבט אויף דעם וועג, אבער עס צייגט פראפעסיאנאליזם.

קומענדיגער וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין מיט דער טעמע פון קאמיוניקירן





די אידעאל'ס חלום
Brooklyn:
718.387.8660
brooklyn@swappliances.com
162 Wallabout Street
Brooklyn, NY 11206
Monroe:
845.777.8660
upstate@swappliances.com
101 Carpenter Place (Off Lake St.)
Monroe, NY 10950
S&W
appliances

# פייס שפיל פון גליק



## קאפיטל 16

*אין קורצן פון פריער:* **מאלי ענגלמאן פארט מאנטאג, נאך דעם אויפרייסערישן קידוש פון איר טאכטערל, אריין אין שפיטאל צו מאכן די נויטיגע אונטערזוכונגען וואס פעלן אויס אלס צוגרייטונג צו דער אפעראציע. דער דאקטאר איז אין אפעראציע צימער ווען זיי קומען אן, און זעליג ווערט בייז און גייט אהיים, פילנדיג אז דער שפיטאל איז נישט געמאכט פאר אים. דער הארץ-דאקטאר שיקט א צווייטן דאקטאר צו מאלי, און יענער דאקטאר זאגט פאר מאלי אז עס איז בעסער אז זי בלייבט שוין אין שפיטאל איבערנאכט, אז מען זאל שוין קענען יעצט ארײנלייגן אן 'איי. ווי. ליין' און זיין גרייט פאר דער פראצעדור.**

זעקס אזייגער פארטאגס האט מאלי אויפגעשלאסן אירע פארמאכטע אויגן און געענדיגט אירע פרואוון נאך אביסל שלאף. פארפאלן, דער נאכט איז איר נישט געלונגען צו שלאפן אויף א בענקל אין שפיטאל. ווען נעלסי אקופירט א צווייט בענקל אין צימער, איז דאס נישט געמאכט פאר איר.

קוים אפאר טעג איז פאראיבער פון ווען זי איז אויפגעשטאנען זעקס אזייגער פארטאגס, טאקע דא אין שפיטאל, אבער אויסגעזען האט עס ווי א טויזנט יאר איז שוין פארלאפן זייט זי האט פארברענגט די צוויי טעג אין קימפעטארן אפטיילונג מיט לויטערן גליק.

די פראצעדור איז באשטימט געווארן אויף עלף אזייגער און ליבי וועט נישט טארן עסן פון זיבן. מאלי האט איר איידל ארויסגענומען פון בעטל, ווילנדיג איר געבן צו עסן ביז דער לעצטער מינוט וואס זי מעג, און האלטן אין אירע הענט, לאנג, ווייל ווער ווייסט וויפיל שעה עס וועט פארבייגיין פאר זי וועט ווידער קענען איינקלאמערן ליבי'ן אין אירע ארעמס.

זיבן אזייגער האט מאלי אראפגעלייגט די שטייף-איינגעוויקלטע ליבי, און שטיל געשעפשעט א תפילה אז דאס קינד זאל שלאפן ביז עלף, און איר פארשפאָרן די פיין פון דארפן בארואיגן א קינד וואס קוויטשעט פון הונגער, אָן דער מעגליכקייט עס צו שטילן.

זעליג האט גערופן און צוגעזאגט אז ער וועט באלד דא זיין.

"נעלסי, דו קענסט גיין. איך וויל דיך רופן ווען איך וועל דיר דארפן," האט מאלי געוואלט פריי מאכן דאס ארט פון אנגעלייגטע געסט.

נעלסי האט אויסגעגראדט אירע פארשטייפטע גלידער און מיט א דאנקבארן שמייכל ארויס. וואו אהין, איז פאר מאלי נישט אנגעגאנגען.

אכט אזייגער איז א קראנקן-שוועסטער אריינגעקומען אין צימער מיט א פיבער מעסטער אין האנט; זי האט אראפגעשריבן אויף א פאפיר די נומערן וואס זענען געלאפן אויפן סקרין.

"איך קען נעמען דעם פיבער פון דעם קינד?" האט זי געפרעגט

מאלי איז צוגעשפרונגען צום בעטל. "איך בעט דיר, עס איז נישט קיין יושר איר אויפצואוועקן יעצט ווען זי וועט נישט קענען עסן ביז נאך דער פראצעדור. אלס איר מאמע זאג איך דיר אז זי האט נישט קיין פיבער," און מאלי האט זיך פלינק געשטעלט ווי א פיזישער מויער פארנט פון ליבי'ס בעטל.

די נוירס האט אויסגעזען ווי זי איז געכאפט געווארן אין שאק פון מאלי'ס שטייפע רעאקציע. זי האט געבלינקט מיט אירע אויגן צעמישט. געפרעגט האט זי ווייל אויב ס'זיצט א פאמיליע מיטגליד נעבן א פאציענט, האט מען



איר געלערנט צו זיין איידל און געבן א פרעג. אבער זי האט נישט ערווארטעט אזא ווידערשטאנד.

„איך האב מורא אז איך האב נישט קיין ברירה," האט זי געמורמלט מיט א רויט געזיכט. „איך דארף רעקארדירן איר היץ."

איין שוואכע מאמע קעגן א גאנצע שפיטאל אדמיניסטראציע. צי האט זי אלס מאמע, מיט מאמישע געפילן, בכלל א שאנס צו באזיגן די שטייפע רעגולאציעס פונעם שפיטאל?!

מאלי האט געפילט ווי זי קען נישט אויפגעבן. דער געדאנק פון בארואיגן א הונגעריגע ליבי האט איר דערשראקן מער פון סיי וואס – און די נורס איז צום סוף ארויס, ווען דאס קעסטל אויף איר בלאט איז געבליבן ליידיג.

מאלי איז אראפגעפאלן אויפן בענקל און באהאלטן איר פנים צווישן אירע הענט, נישט טרעפנדיג די גייסטישע כוחות צו קעמפן ווייטער מיט דער מציאות וואס פארעמט יעצט איר לעבן.

באקאנטע קלאנגען האבן געמאכט זייער וועג צו מאלי'ס אויערן.

זעליג איז דא. ער האט פלינק געדרייט די טיר אויף אירע אנגלען, זיינע ברייטע אקסלען זענען געשטאנען גראד און זיין אויטאריטעט האט געהויערט איבערן צימער.

„איז אלעס אין ארדענונג?" האט ער געגעבן א לייכטן גלעט איבער ליבי'ס באקן.

מאלי האט אים פארציילט איבער דעם לעצטן אינצידענט.

„היינט האב איך געברענגט א הויפן פון גרינס, צו שמירן אביסל די רעדער," האט זעליג אריינגעלייגט זיינע הענט אין זיינע טאשן, קאפסגרייט. „אויך אן אויסוואל פון שאקאלאד אז דו זאלסט קענען טיילן פאר די נוירסעס."

זעליג האט געעפנט די טיר א טראפ, און געגעבן א ווינק. עריק איז אריינגעקומען אין צימער מיט צוויי שווערע זעקלעך און עס אראפגעלייגט אויף דער ערד. מיטן ווינק פון זיין 'באס' איז ער צוריק ארויס צו זיין קאר.

„עס געפעלט דיר דער אויסוואל?"

„יא," האט מאלי טרוקן געענטפערט ווען איר אירע אויגן האבן זיך ניטאמאל פארקירעוועט אין יענער ריכטונג.

„גוט," האט זעליג איר נישט מער געמוטשעט, „איך וועל יעצט ארויסגיין און ערלעדיגן אז מען זאל נישט אויפוועקן ליבי ביז עלף אזייגער, און איך וויל זיך טרעפן מיט איר 'טיעם' וואס וועט דורכפירן די פראצעדור."

עס האט גענומען לאנג ביז מאלי האט ווידער געהערט זעליג'ס פעסטע טריט ביי דער טיר. דער נעכטיגער אינצידענט האט אים ווייסט אויס געלערנט, און זעליג איז געקומען גרייט מיט א פינקטליכן פלאן ווי אזוי ער וועט פירן דאס רעדל.

ארום צען אזייגער האט זיך א פריש פנים באוויזן אין צימער.

„און איר זענט?" האט זעליג געשטעלט דעם טאן.

יענער האט זיך נישט פארלוירן, „דער 'רעזידענט' דאקטאר."

„שיין," האט זעליג נישט אויסגעזען צו אנטציקט. „ווי לאנג ארבעט איר שוין דא אין שפיטאל?"

„א האלב יאר," האט דער דאקטאר געמורמלט בשעת ער לאזט זיינע אויגן לויפן איבער דעם פאציענט'ס טעקע.

„און איר פארשטייט אז יעצט איז פאר אונז די הויפט פריאריטעט אז דאס קינד זאל שלאפן רואיג ביז עלף אזייגער, און מיר ווילן פארמיידן סיי וועלכע אומנויטיגע באהאנדלונג וואס קען איר אויפוועקן," האט זעליג ווייטער פארלאנגט.

„גוט, גוט," האט דער דאקטאר זיך אונטערגעמורמלט, ווען מען דערקענט אז זיין דאקטארישער שטאלץ איז געווארן בארירט. ער האט זיך נישט צו לאנג מער אויפגעהאלטן אין צימער און איז ארויס נאכן געבן א לייכטן איבערבליק אויב ליבי איז באהאפטן ריכטיג צו די אלע 'מאניטארס'.

„מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן צו זיי," האט זעליג זיך אליין קאמפלימענטירט.

פאר מאלי איז דער בלויזער אקט פון צושאקלען מיטן קאפ אנגעקומען שווער. איר טרייבקראפט איז געפארן אזוי שנעל ווי אן אלטער פארזשאווערטער אויטא מיט פלאכע רעדער, אן קיין טראפ גאזאלין.

זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט צו נעמען דאס פלאש וואסער און פייכט מאכן די ליפן, אבער דאס פלעשל איז געווען ליידיג.

„איך רוף שוין עריק זאל ברענגען נאך וואסער," האט זעליג ארויסגעשלעפט זיין טעלעפאן און מיט אפענער הנאה האט ער איבערגענומען פון עריק אפאר מינוט שפעטער צוויי קאלטע פלעשער וואסער.

„מען דארף וויסן ווי אזוי מען קען זיך גרינגער מאכן," האט זעליג מיט א רואיקייט געלייגט איין פוס איבער דעם אנדערן און זיך באקוועם געמאכט, אז ס'האט זיך געקענט דאכטן אז ער געפינט זיך יעצט אויף וואקאציע און א רייכער קעלנער ברענגט אים די הנאה פון א גלעזל וואסער אויף זיין פארלאנג.

ווען דער זייגער האט געקלאפט צען-דרייסיג האבן זיך צוויי מענער באוויזן אין צימער.

זעליג האט זיך אויפגעשטעלט און זיי אויסגעשטרעקט א האנט, מעשה בעל הבית.

„זעליג," האט ער געגעבן א לייכטן דריק מיט זיין האנט, ערווארטנדיג אז זיי זאלן זיך אידענטיפיצירן מיט זייערע נעמען.

„מארק."

„דשים."

„און איר זענט?..." האט זעליג געמאכט זיכער אז ער איז דער וואס פרעגט



די פראגעס.

"פון דעם 'טרענספער' דעפארטמענט. מיר זענען געקומען נעמען דעם פאציענט צום אפעראציע צימער."

פאר מאלי איז א קעלט אריבער די ביינער, און זי האט זיך אויפגעשטעלט, נעמענדיג צוויי תהילים'לעך אין האנט.

זעליג האט ארויסדערוויסט צוויי באנקנאטן פון זיין טאש און אזוי נישט-מיר-נישט-דיר זיי עס אריינגערוקט אין זייערע הענט.

די צוויי מענער האבן זיך געשטעלט ביי די זייטן פון ליבי'ס בעטל, מסדר געווען די מאשינען צו וואס זי איז געווען באהאפטן און זיך גענומען שטופן דאס בעטל צו דער עלעוועיטאר.

מאלי האט זיך נאכגעשלעפט נאך דעם קאראוואן, ווען זעליג שפאנט פון פאראויס, ווען זיינע טריט מארשירן צום טאקט פון זיין אויטאריטעט.

די 'טיעם' האט שוין געווארט אויף זיי, און זעליג האט פאר יעדן אריינגערוקט א 'טיפ'. נאך א קורצער באגריסונג איז ליבי'ס בעטל אריינגעפארן דורך די דאפלטע טירן, און אפגעזען זעליג'ס באנקנאטן האט מען זיי נישט אריינגעלאזט, אזוי ווי די שטרענגע פארשריפטן פון שפיטאל, און מאלי האט נאר געקענט זען ווי ליבי'ס בעטל ווערט פארשלינגען אינעם צימער ווען עס איז ארומגענומען מיט דאקטוירים און נוירסעס, און חוץ ארויסלאזן אפאר הייסע טרערן האט זי גארנישט געקענט.

טאטע-מאמע האבן זיך אראפגעזעצט אין דעם ווארטזאל. זיי האבן טאקע נישט געקענט זען זייער קליינע טאכטערל, אבער א שטיקל פון זייער הארץ איז מיטגעגאנגען מיט ליבי'ס צובראכן הארץ.

אפאר מינוט שפעטער איז ארויסגעקומען איינער פון די געהילפן.

"מיט וואס בארואיגט זיך דאס קינד?" האט ער איידל געפרעגט.

מאלי'ס הענט האבן געציטערט, "מען האט איר נישט איינגעשלעפט?"

"נאר א טיילווייזע איינשלעפונג, און זי איז נישט רואיג."

א גאנצן צופרי האט מאלי פרובירט זיך צו האלטן שטארק און צאמגענומען. אבער דער געדאנק אז איר טאכטערל האט ווייטאג, האט געבראכן אלע מויערן וואס זי האט נאר פראבירט צו בויען, און א שטראם טרערן האט באנעצט איר פנים. צווישן איין כליפע און דאס צווייטע האט זי ארויסגעשטרעקט א 'צומי', ווען ער נעמט עס איבער אן א ווארט און ווערט צוריק פארשוואונדן אין די דאפלטע גלאזערנע טירן.

די עני'ס קאווע איז געווען ביטער יענעם מאנטאג אינדערפרי. פשוט, דער צוקער איז שוין געווען ליידיג ביזן לעצטן ברעקל אויסגעשאקלט.

נאכן פאכען מיט די הענט צו וואלווי'ן אויפן באס האט העני באשלאסן אריבערצולויפן אין גראסערי, כאפן א פעקל צוקער און אהיימלויפן.

"ס'איז נאר צוויי גאסן," איז העני א טראפ פויל געווען ארויפצוגיין און זיך געהעריג אנטון. זי האט געוואוסט אז אויב זי גייט ארויף, וועט זי שוין נישט גיין אין גראסערי היינט.

'איך האף אז איך וועל קיינעם נישט טרעפן,' האבן העני'ס שטעק-שיך געקלאפט אויפן טראטואר.

העני איז בשלום אנגעקומען און שנעל אוועקגעשטעלט שלומ'ס וועגעלע ביי דער טיר. זי האט שוין געהאלטן דעם צוקער אין האנט ווען אן עלעגאנט געשטאלט האט געשטערט איר דורכגאנג.

העני האט געפילט ווי זי וויל ווערן א טייל פון די מעל און צוקער, אדער כאטש איינזינקען אין איר אלטן מאנטל. איר גאנצער וועזן האט געשריגן ווערדלאז. די פרוי מיט די שפאגל-נייע לעדערנע שטיוול, מאנטל און טאשקע פון שאו-פענסטער-ארויס, האט איר באטראכט מיט א דורכדרינגליכן בליק.

"מאלי'ס צווילינג-שוועסטער!" האט זי טרואמפירט, אויפהייבנדיג א דיקן פינגער אויף העני'ן.

העני האט איר אפילו נישט פארגינען א האלבן שמייכל. מאלי'ס אומצאליגע חבר'טעס אינטערעסירן איר קיין טראפ, און זי איז געשטאנען באוועגלאז, ווען איר איינציגע באגער איז, אז די פרוי זאל איר פריי מאכן דעם וועג.

"מזל טוב צו מאלי'ס קידוש," האט די פרוי אדרעסירט דעם קידוש מער ווי דאס קינד. "איך האב עס פארפאסט, אבער איך האב געהערט אז עס איז געווען, שוין דו ווייסט אליין."

העני האט שוואך צוגעשאקלט מיטן קאפ, און געהאפט אז די פרוי האט געענדיגט. אבער זי איז געבליבן ביים האפן.

"איך ווייס נישט ווי אזוי דו קענסט זיין מאלי'ס צווילינג-שוועסטער," האט די פרוי געשאקלט איר קאפ פון זייט צו זייט, ווען א שטריך פון רחמנות שפראצט אין אירע זאצן. "מאלי איז אזא פאדאנטע דאמע."

"צו מיר איז זי א שוועסטער," רעאגירט העני שנעל.

"נאך אלץ," לאזט זי נישט נאך. "דו ווערסט נישט נערוועז פון איר געצערלטן לעבנסשטייגער?! איך האב געהערט אז זי האט זיך גענומען א נעני פאר איר בעיבי, און דאס איז חוץ איר גוי'טע וואס רוימט איר הויז פיר-און-צוואנציג שעה א טאג. ווייל חוץ פון גיין 'שאפינג' און אויסשטעכן די אויגן מיט אירע קליידער און צירונג טוט זי גארנישט אין איר לעבן!"

פארזעצונג קומט אי״ה

Most trusted baby store

bugaboo

# FREE Footmuff!



Authorized
**Service Spot**

Spend $800 +
on Bugaboo products
And receive a Winter Performance Footmuff FREE!

**Starting January 17th - January 20th 2025**







DISCOUNTS STILL IN EFFECT

megababies
GROW · UP · WITH · US

Boro Park
4309 14th Ave.

Williamsburg
210 Wallabout St.

Free shipping. Same-day delivery.

**5 easy ways to shop:**

- 718-437-3400
- 929-764-1760
- contact@megababiesusa.com
- megababiesusa.com


fall in love
35% off
aw25
*SOME EXCLUSIONS APPLY
beauti
FULL
SIZE INCLUSIVE FASHION
HOURS: SUN-THURS 11:00AM-6:00PM
51 MAIN STREET (NEXT DOOR TO ESTHER'S JEWELRY) | BEAUTIFULLBOUTIQUE.COM | 845.746.1305
letsgetkinetic.com

# יענעמ'ס טעלער

געשמאקע
דעליקאטעסן פון
ארום דער וועלט

Recipe and styling by: M. Breuer

## Hot and Sour Soup

What better way to fight the frigid winter than by eating a boiling bowl of soup. Especially when It's as easy to make as this one. It is Guaranteed to warm you up and will surely satisfy your tastebuds. Enjoy!

**Ingredients:**

- 8 cups chicken stock
- 1 small box fresh mushrooms, sliced thinly
- 1 cup bean sprouts
- 3 tbsp dark soy sauce or 14/ cup regular soy sauce
- 2 tbsp sesame oil
- 1 tbsp sriracha (optional)
- 1 tsp salt
- A pinch of black pepper
- 1 tsp garlic powder
- 3 eggs
- ⅓ cup cornstarch diluted ½ cup water (to create a slurry)

**Instructions:**

Let the soup boil. Add the mushrooms and bean sprouts.

Add all the sauce ingredients to the pot and wait for everything to combine

Turn the heat up and gradually add the whisked eggs.

Lastly stir in the cornstarch slurry very slowly and let the soup thicken.

A hearty appetite!



# we're making waves

**Get in on the hair-raising buzz!**
Revolutionizing the synthetic wig industry, Victorian Wigs offers a collection of Heat-stylable, High-end wigs. With its versatile styling options it'll be so flawless and give the ultimate long lasting hold.





VICTORIAN WIGS

FIND VICTORIAN WIGS AT YOUR LOCAL WIG SALONS IN USA, UK, ISRAEL & CANADA
For wholesale inquiries: sales@victorianwigs.com ~ 845.274.0614
Shop on our new website! victorianwigs.com

sarafinkstudio.com

# רעסעפּיס

**מרת ג. שטיינהויז**
845.200.3313 #101
Editor@theyingerman.com

# *Cranberry Relish – Winter Immune*

A VIBRANT, FRUITY RELISH PACKED WITH IMMUNE-BOOSTING INGREDIENTS.
PERFECT FOR A HEALTHY BREAKFAST OR MID-DAY SNACK!

## *Ingredients:*

- 3 pears
- 12 oz fresh or frozen cranberries
- 2 oranges (peeled)
- 1 mango
- 2 apples
- 1/2 cup maple syrup

## *Instructions:*

**1. Prepare the Base:**
Attach the S-blade to your food processor.
Add the cranberries and the peeled oranges.
Blend until the mixture becomes a smooth, vibrant purée.

**2. Chop the Fruits:**
Transfer the cranberry-orange mixture into a container.
Add the pears, mango, apples and the maple syrup to the food processor.
Pulse until the fruits are coarsely chopped, retaining a chunky texture.

**3. Combine and Enjoy:**
Mix the chopped fruit with the cranberry-orange purée until well combined.
Serve immediately or store in the refrigerator for later.

## *Serving Ideas:*

- Enjoy it as a standalone snack.
- Pair it with yogurt, oatmeal, or pancakes for a refreshing breakfast.
- Serve alongside roasted meats for a festive twist.



בס"ד

## "עת לעשות להשם"

## "טייערע פרויען"

לאמיר טוהן פון אונזער זייט
וואס מיר קענען צו פארמערן
געזינט און אלע גיטע ברכות.
מיט'ן **נישט** טראגן א

**cross body**

מאכסטו א קידוש השם
און אנדערע לערנען זיך
אפ פון דיר.

An ounce of prevention is a pound of cure!

אין זכות פון צניעות זאלן מיר
נישט דארפן געבן צו
.RCCS
זכות רפואה שלימה פאר
אלע אידן!

**Special Promotion!**

With mention of this ad, get 15% off at the Tznius Center on a modest cover which you wear under a clingy top.

# Struggling With High Credit Card Interest?

**LOWER YOUR RATES TODAY!**




## Stop Struggling With High-Interest Balances.

Let us help you reduce credit card interest rates and monthly minimum payments. If you're maxed out or dealing with high interest, we can provide relief—all without any negative impact on your credit.

**LET OUR EXPERTS:**

- NEGOTIATE LOWER RATES.
- REDUCE MONTHLY PAYMENTS
- ELIMINATE EXTRA FEES

WISE CONSULTING
*Loan & Credit Experts*

CALL NOW 718.603.8995
THEWISECREDIT@GMAIL.COM


led by: Dr. Benjamin Hillel, P.A. | Dr. Stuart Goldwasser, P.A.
FAST TRACK
PARCARE
Urgency is no longer an excuse
Say goodbye to bandaid care, and hello to getting it right at the hands of professional doctors.
FastTrack is revolutionizing after-hour healthcare for local families like yours.
4714 16TH AVE | 718.840.3535
5-11 PM



# Skip The City

# SEE THE CITY FROM AFAR
# EVERY SPECIALIST'S RIGHT HERE!

## PRIMARY CARE

A specialized team, including **Dr. Sharon Kheradnam, MD, Dr. Barry Dublin, MD, Dr. Adina Mezrahi, DNP, Dr. Tziporah (Carol) Clapman, FNP-C,** brings decades of experience across diverse clinical settings and is renowned for their expertise in their respective fields

## PEDIATRIC

**Chaya Kessler, PNP,** is a well-known highly dedicated pediatrician with years of experience working with the Heimish community

## OB/GYN

A distinguished team led by renowned physicians—**Dr. Michael Abrahams, MD, Dr. Andrew Scheinfeld, MD, Dr. Francine Guzman, MD**—alongside a dedicated group of midwives and certified PAs, including **Linda Gaglioti, CNM, Nichole Virag, CNM, Naomi Schwartz, CNM, Aviva Salomon, RPA-C, Mahboubeh (Miriam) Zafarmehr, RPA-C,** delivers exceptional care, decades of experience, and world-class service to the community.

## CARDIOLOGY

**Dr. Naftoli Neuburger, MD,** a highly sought-after specialist with 48 years of experience, currently serves as the Hatzalah Medical Director in Cardiology

## OPTOMETRY

**Dr. Ha-Eun Chung, OD,** and Dr. **Nabeel Chaudary, OD,** offer extensive experience in expert eye care, including exams, contact lenses, retina consultations, and managing ocular conditions

## UROLOGY

**Dr. Sunshine Robert, MD,** is board-certified since 1985, and comes highly recommended by Boro Park rabbanim with extensive experience in the medical field

## ENDOCRINOLOGY

**Dr. James Warshaw, MD,** is a world-renowned specialist at Cornell Hospital, board-certified, and brings 29 years of experience

## RADIOLOGY

**Stay tuned for our cutting-edge radiology services, featuring state-of-the-art technology and world-class technicians**

## NEPHROLOGY

**Dr. Edwin Cohen Azarkian, MD,** an expert in internal medicine and nephrology, with 14 years of experience

## GASTROENTEROLOGY

**Dr. Anush Vasikaran, MD,** a highly experienced and respected specialist, has nearly a decade of experience working with the renowned Dr. Rabin Rahmani

## DERMATOLOGY

**Hamid Bamshad, RPA-C,** and **Nakhon Leora, RPA-C,** are both well-recognized in the Boro Park community, bringing several decades of expertise in dermatology

## PODIATRY

**Dr. Diana Castro, DPM,** brings 26 years of experience working in our community, while **Dr. Glenn Donovan, DPM,** has 42 years of experience performing procedures in surgical settings

## PHYSICAL THERAPY

**Dr. Melody Bautista, DPT,** and **Dr. Paul Asoro, PT,** are well-known in the Boro Park community and bring many years of experience and expertise

## PAIN MANAGEMENT

**Dr. Louis Kiwala, PA-C, AP, L.Ac., D.N.B.A.O.,** is a board-certified specialist with 20 years of experience in pain management treating thousands of patients

## FAST TRACK

**Dr. Binyamin Hillel, RPA-C, and Dr. Stuart Goldwasser, PA,** bring a wealth of expertise and many years of experience in managing and treating a broad spectrum of medical conditions with dedication and care

4714 16TH AVE | 718.840.3535

PARCARE

Royal Shoes Family

FLOAFERS

# ALL SUEDE FLOAFERS

# 40% OFF

ALL OTHER COLORS 10% OFF



41 LEE AVE
847 BEDFORD AVE

718.384.4816
718.640.1867


LOVE BEING HOME.
est.
2022
space & baskets
home organizing
now offering
TIME MANAGEMENT SESSIONS:
SET UP YOUR WEEK FOR SUCCESS!
CALL/MESSAGE FOR INFO - TEHILLA 845.664.5768






# 50-70% OFF

TOPS · MAXIS · SKIRTS · SELECTED HEADWEAR · NIGHTWEAR

PARNI 30% OFF

Motzei Shabbos - Tues. | Jan. 18-21

Open Daily from 10:00-7:00

Open Motzei Shabbos: 8:00-11:00

joy2media.com

Sale AW25

# Who *Needs* This?



Great for those who feel good about finding that perfect piece for a **discounted price.**
Fabulous for those who enjoy to select a high-end wardrobe without emptying their pockets.
Exciting for those who never miss out on a good deal.



Donittique MONROE: 845.774.3664 | 52 Bakertown Rd Suite 303, Monroe NY

בס״ד

Opening Soon: **Girls Plating Class!**





# Make a Good Plate!

KAYGROUP.CO





Turn every meal into a masterpiece!
In our plating class, girls will learn the art of food presentation, making each dish look as good as it tastes.
Join us for a fun and creative experience!

Gooday helps girls discover their talents through various exciting classes, all in a positive and supportive environment.

Call to register today!
845.646.6329
GOODAY

Transportation provided.
Snacks and lunch included.

gooday
*To the Fullest!*

For Ages 8+ | Each class is divided by age.